# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 9־398) זעקס און צוואנציקסטער יאר פעב.־מער. 1965 לאנדאן

אינהאלט:

די באלאדע פון דער פורים־פאטשיילע, פורים־שפילער, אסתר המלכה א.א.
צייט־און פורים־לידער. דער יום־טוב פורים, מגילת־אסתר און דער
הומאר אין יידישן שאפן ........ *** 1

גייטענבי מיין גויאישער לערער (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 9

א סוחר א ייד (סאטירע) ........ ש. באיארסקי 9

א ביסל פון לעבן אין ניצע (הומארעסקע) ........ משה בעקערמאן 10

זיי גוט צו מיר, אויגן (לידער) ........ עלא זילבערג 12

דאס וואסער פון ירדן (ליד) ........ הארי פאצאנאווסקי 13

אויף דער גרענץ (המשך פון קאפיטל) ........ א. נ. שטענצל 14

אסתר המלכה (ליד) ........ פאמעלא מעלניקאף 27

די עפיק פון דבורה די העלדישע מוטער פון ישראל ........ י. ריכטיגער 28

יאוש (עסיי) ........ יחזקאל בארנשטיין 33

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס
רעדאקציע נאטיץ ........ 34

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

---

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

דער קולטור־קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס און דער פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן, ענגלאנד לאדן איך איין צו אונזער

## פורים - ציי טונג

וואס וועט פארקומען

**זונטיק, דעם 21־טן מערץ, 1965, פונקט 3 א זייגער**

א י ן

21 DEAN STREET, LONDON, W.1.

אונטער דער רעדאקציע פון **א. מ. קייזער**

1. לייטארטיקל: פורים־הומאר ...... ...... ...... **דער רעדאקטאר**
2. פורים ביי יידן ...... ...... ...... ...... ...... **ש. גאלדשמידט**
3. פורים־שפילער און דאס יידישע טעאטער ...... **ש. י. הארענדארף**
4. פורים־פאלקלאר ...... ...... ...... ...... ...... **י. ריכטיגער**

דער אקטיאר **יודל גאלדבערג** וועט פארלייענען

י. ל. פרץ און שלום עליכם

איינטריט פריי — קומט אין צייט


THE JEWISH CULTURAL SOCIETY — יידישע קולטור־געזעלשאפט
Head Office: 2 Bloomsbury Place, London, W.C.1. Telephone: MUS. 4702/3
Secretary: Charles S. Klinger

גרויסער פורים־אוונט — לאנדאן

מיט די בארימטע ארטיסטן:

קאטינקא טייגער (מעצא־סאפראנא); ש. לינסקי (בארימטער ארטיסט פון „אהל" טעאטער, ת״א); פעליקס וואנדייל (פידל־ווירטואז); אדעלא קאטאוואסקא (פיאנא); און די יונגע קינסטלער־טרופע פון „טשעלסי דזשואיש ווארקשאפ".

א י ן

קארא־האטעלס ווינטער־גארטן, אפפער וואבורן פלייס, וו.צ.1.

זונטיק, דעם 21־סטן מערץ, א זייגער 7.30 אוונט

פרייז פאר איינטריט־קארטן: ‎10.־, ‎15.־ און £1.1.0


# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 9־398) זעקס און צוואנציקסטער יאר, פעב.־מער. 1965 לאנדאן


## די באלאדע פון דער פורים - פאטשיילע

מקבל־קנין צו זיין, די כלה צו באדעקן,
דעם חזן ארומצובינדן די קראנקע כלי,
און נאך דער חופה צו טאנצן ס׳מצווה טענצל,
צו אלצדינג איז גוט די יידישע פאטשיילע.

ערשט נאך דער חתונה, דער נדן איז געפטרט,
געשאכערט און געמאכערט און אחרי כל אלה — — —
לאזן זיך יידישע קינדער איבער די היזער,
און טאקע ווידער מיט דער יידישער פאטשיילע.

זאגט נישט ר׳ מענדעלע שוין: „כל ישראל אין טארבע",
פון וואו האט זי זיך גענומען? ווארטשע א ווילע.
אז מענדעלע האט געזאגט, איז געזאגט! איך האב עס:
זי אויפגעדזשאבעט פון דער דאזיקער פאטשיילע.

מיינט איר דאך אפשר אז דאס איז געווען בלויז אמאל,
דעמלט, אין די יידישע גלות־שטעטלעך — מילא!
האט איר במחילה ווידער גאר א גרויסן טעות,
אונזער אויג אין קאפ איז די יידישע פאטשיילע.

אז ווו קאן טאקע א ייד, ארייננשטעקן זיין נאז,
שא און שטיל און ס׳איז נאך גאר א גרויסע מעלה,
אויב נישט אין דער דאזיקער, טאבעק־פארדריפיטער,
אין אונזער פארדאסטער בארימטע פאטשיילע?

א רעדאקטער א צייטונג, א מחבר א בוך,
עולים קיין ישראל, א יורד א ישראלי, — — —
טאקע וויאזוי קומט די קאץ איבער וואסער?
מען גיט זי א שפרייט אויס, די דאזיקע פאטשיילע —

„ליהודים היתה אורה שמחה וששון" —
א ליכטיקייט אין אונזער חושך ואפילה!
פון גאלד־פעדים „כרפס ותכלת וארגמן",
אויסגעשפינען אונזער פורימדיקע פאטשיילע.

## פורים - שפּילער

ווי מען דערקענט די פּורים־שפּילער ?
אין די מאַסקעס וואָס זיי טראָגן !
אויסגעלערנט און איינגעחזרט,
אַלץ וואָס זיי זינגען און זאָגן.

די גרעסטע ליגן אָנגעראַגערן,
און ביי באָרד און פּאות שווערן ;
ווי קריכעריש חניפיש, חציפיש — —
קאָן אַ מאַסקע העט רויט ווערן ?

אַ צוק טון מיט אַ פעלדל קאָן זי,
צי מינדסטן זשמור מיט די ברעמען ?
דאָס מנוולסטע קאָן זי אָפּטון,
אויף אַ האָר זיך נישט פאַרשעמען.

יעדע תנועה, יעדע הוויה,
מאַלפּיש נאָכגעקרומטע פּאַקסן ;
די באָרד צוגעקלעבטע קאָנאָפּיעס,
קאַלטענעס געקניפּטע פלאַקסן.

פאַר אַ קרעפּל, אַ קניש געפּילטן,
פאַרקויפן כאַטש ביידע וועלטן ;
פאַר אַ גלעזל בראָמפן המן׳ען,
בענטשן, און מרדכי שעלטן.

מילא, פּורים, ביי סעודת־אסתר,
אַליין אַ גלעזל גענומען,
אָבער וויאַזוי־זשע אַ גאַנץ יאָר,
מיט אַזוינס אַדורכצוקומען ?

אַז האַזאַרד, העזהדיק, גזלניש,
צו נעמען דיך גאַנץ אויף זעכער,
קוקט עס רק שפּיציק, קרים קאָסאָקע,
דורך טונקלע צוויי מאַסקע־לעכער.

און דאָס פּאַפּאַגייאישע לאַכן,
דורך צוויי פּאַלטשע מאַסקע־ליפּן — —
צומאָל פּורים, ווען מ׳הערט עס, ווילט זיך,
עד־דלא־ידע צעכליפּן.

פ.ס. : מיר פאַרצייען, כ׳מיין מיר מוחל זיין,
די אָפן און פּאַפּאַגייען,
פאַר מיין חוצפּה, די פּורים־שפּילער,
צו פאַרגלייכן מיט די צווייען.



## אסתר המלכה

פאַרוואָס לייענט מען נישט אַ מגילת־יהודית,
האָט זי דאָך האָלעפּאַנס׳ קאָפּ אָפּגעשניטן ?
אָט־אָ, טאַקע דאָס איז עס, ווייל אסתר המלכה,
פאַרבלוטיקן אירע הענט האָט אויסגעמיטן.

נישט אָפּגעהאַקט אחשורושן זי האָט דער קאָפּ,
קושעדיק געטון טאָן פאַרדרייען צום גוטן ;
אַ נצחון מיט מאָרד כלי־זיין, מיט שאַרפע שווערט,
אַ פרוי, אַ קעניגין, וואָס פאַר אַ מחותן.

## אַ שלמה - המלך - מעשהלע ? . . .

צו דער מלכה שבא׳ס איינינקל קיין אַדיס־אַבעבאַ,
קעניגין עליזאַבעט געפלויגן פון איר מאַן באַגלייט ;
קלוג ווי שלמה המלך, און אַ סך רייכער פון אים,
אַ פרינץ דאָס האַרץ פון אַ קעניגין צו באַזיצן, פאַרשטייט.

וועט ער זיך אויך באַגלייטן אויף איר רייזע קיין דייטשלאַנד,
אין מאָנאַט מאַי, ווען ס׳פאַרעלטערונג־געזעץ וועט איינטרעטן ?
דורך טויזנט איבערבעטן אַרבעס שפּירט דאָך אַ פּרינץ,
איז וויאַזוי די בלוט ערד באַטרעטן, זיך איבערבעטן ?

קודם איז אַ פּרינץ, אַ דאַיוק, דער מאַן פון אַ קעניגין,
נישט קיין פּרינצעסין, פּאַפּיעשטשעט אַזוי און פאַרצערטלט מילד,
והשינית, ווי האָט מיין באָבע, די חכמת, געזאָגט :
אַז וואָס טויג מיר די גאַנצע חכמה, ווען די נאַרישקייט גילט ?

געהערט, מסתם, אין שבא לאַנד ס׳שלמה־מלך־מעשהלע,
געקראָגן רחמנות אויף שטאָט אינמיטן דורכגעשניטן ;
פליט זי אַהין צו זען מיט אויגן, קעניגלעך פאַרטרערט,
ווי ס׳צאַפּלט לעבעדיקע שטאָט דורכגעשניטן אין מיטן.

אָבער איז סדום נישט אָפּגעמעקט געוואָרן אינגאַנצן ?
און ווי ווייט איז בערגנבעלזן און קיין בוכנוואַלד ווי ווייט ?
בלויז אין „בעבע״, אַ פאַרביטנס, און מאַמע דערפּילט האָט !
בערלין, מיליאָנען געשאָכן פאַנשניטן מיט קינד און קייט — —

וואָלט נישט אַסך קעניגלעכער געווען אויפן היימוועג,
פון אַדיס־אַבעבאַ, אין ירושלים אָפּגעטרעטן,
איז נישט שלמה המלכ׳ס שטאָט — אַ קינד אַ צעשניטנס ?
נישט זיך גרייטן אַצינד שטאָט פון קינדער־מערדער באַטרעטן.

## מיטן פנים צום גלות
(נאָך צוויי קליינע פורים לידלעך)

א.

„מיטן פנים צום גלות״ !
עס איז דער פּאַראָל איצט ;
האָפענטלעך נישט מיט מאַסקע,
און־און אויסצוטון געשווינד.

אָפּגעוואונגען יענס לידל :
„היינט איז פורים מאָרגן אויס״,
צוגעכאַפּט דאָס קרעפּל, און
א צונג שטעק מאַסקע אַרויס —

ב.

אַז אַלץ קאָן מען „גוט־מאַכן״,
מען מוז נאָר צאָלן דעם פּרייז,
ווערט מען באַלד נישט נאָר היטלער־
טאַשן מאַכן צום באַווייז.

נאָר ביז עד ולא ידע,
זיין נאָמען בענטשן צומאָל — —
וואָרעם טאָמער ווען נישט ער
א מכה — נישט א ישראל . . .

### א צ י נ ד

יא, אין גלות מיטן פּנים,
צו ירושלים געווענדט,
צו דער כותל־מערב־וואַנט,
תפילהדיק געשטרעקט די הענט :
גאָט, אַלץ — בלויז ס'לאַנד נישט פאַרלענד.

אַצינד אין ישראל צום גלות,
די אויגן טרערן־געבלענד :
קדוש, קדוש, וועלכעס פאָלק נאָך
אַזוינס אויסהאַלטן געקענט, —
געקוילעט, געגאַזט, געברענט.

## ביי טשערטשילס לוויה

אין שבתדיקן צילינדער און צופּים,
ס'איז דאָך הייליקער שבת איבערן גאַנצן לאַנד — —
גאָט באַשירעם מיך ! וואָס זע איך ? טראָגט נישט ווער דאָרט,
בפרהסיא אַזוי, א רעגנשירעם אין דער האַנט ?



חלילה, נישט בן גריון, נישט דער פּרעזידענט,
ס'איז אַלץ לויטן שולחן ערוך, על פּי דין, גענוי !
יענער, וואָס טראָגט, איז דער אַמבאַסאַדאָר לוריא,
ככל הגוים, האָט מען אַן אייגענעם שבת גוי.

### ט ר י פּ ט י ך
„כי טוב כלב החי מארי המת״

1

א גאַנץ פאָלק גייט נאָך די לוויה פון זיין העלד,
שטאָלץ הילכן די טריט, ווי וואָלטן אַקיגנטאַנצן ;
מעכטיקער ווי זיין טויט איז די ליבע צו אים,
יא, זיין גבורה אין קינדס־קינדער איינצופלאַנצן.

2

כל מלכי מזרח ומערב ווי די פליגן,
אָנגעפלויגן א ביסל כבוד צו קריגן,
וואָלט ער נישט געווען „דער בולדאָג״ ביים לעבן,
וואָס וואָלט דער טויטער לייב איצט געקאָנט זיי געבן ?

3

. . . ערשט ווען די טעמזע־קראַנען געבויגן, פאַר אים די קעפּ,
האָט זיין האַרץ אין אים, אין אָרון, העלדיש צוריק אויפגעוואַכט ;
זיין צורה שטראַלנדיק יינגלדיק גענומען שמייכלען,
און זיין „וויקטאָרי״־צייכן האָבן זיינע פינגער געמאַכט.

### א. נ. שטענצל

## דער יום - טוב פורים, מגילת - אסתר און דער הומאָר אין יידישן שאַפן

א.

מיטן יום־טוב פורים קומט אַריין דאָס וועלטלעכע אינעם יידישן שאַפן : אַלע יום־טובים זיינען פאַרבונדן מיט באַשטימטע קרבנות, מיט דאַנק־אָפּערונג, מיט הלל והודאה ; חג ומועד מיינט „חציה לד׳ וחציה לכם״ — צו גאָט און צו לייט ! ווען פורים אָבער איז אַלץ וואָס שטייט געשריבן איז „צו מאַכן טעג פון א סעודה און א שמחה מיט שלח־מנות פון איינעם צום אַנדערן און מיט מתנות צו אָרעמעלייט״.

אין פורים צינדט מען אָן ליכט, אָבער מ׳מאַכט איבער זיי נישט קיין ברכה ; מ׳גיסט אָן פול דעם קידוש־בעכער, אָבער מ׳זאָגט נישט „ובחרתנו מכל עם, ורוממנו מכל לשון״.

פורים איז דער יום־טוב פון קרעפּלעך און המן־טאַשן, דער יהודים־טאָג פון עמאַנציפּירטן ייד — פון אַסימילאַנט אַפילו ! די נעמען מרדכי, אסתר זיינען גויאישע געטער־נעמען, מאַרדוק און אַסטאַרטע, אַזוי אַסימילירט איז דער יהודי־מרדוק, אַז די יידן־שונאים האָבן אַפילו נישט געוואוסט צי ער איז

אן „אפשטאמלינג" פון יידן: „אם מזרע היהודים"? האט זרש די פרוי פון המן הרשע געפאנפעט פארצווייפלט מיט א מונח אתנחתא־טראפ . . .

דער יום־טוב פורים איז מתקן געווארן אין שושן הבירה, איז דער רעזידענץ־שטאט פון דער פערסישער אימפעריע, וואס האט רעגירט איבער הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות ווען ס'איז געווען „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"; ווען די תפוצה־יידן האבן געשוואומען אין וואוילטאג און רייכקייט; ווען וועגן דעם יידישן פרעמיער מרדכי האט מען געשריבן, נישט גאר אין די יידישע ביכער, נאר „הלא הם כתבים על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס" — מ'האט מתקן געווען א יום־טוב פון פראווען דעם זיג, וואס די יידן האבן געהאט איבער די יידן־שונאים, נישט מיט רעליגיעזע ריטואלן, מיט שבח והודיה, להודות ולהלל, ווי ביים נס־חנוכה; א יובל־פייערונג האט מען איינגעארדנט, א קארנאוואל־צוג, א מאסקעראדן־פעסט, א „משתה ושמחה" מיט טרינקען און שכורן — עד דלא ידע! די צעלאזענע פרייד גייט אזוי ווייט, אז אפילו דער לאו פון „לא ילבש גבר שמלת אשה" ווערט בטל ומבוטל. די עמאנציפאציע און די ברידערלעכקייט, דעם גרעסטן שונא אפילו צו קענען פארגעבן; נישטא קיין אונטערשייד צווישן „המן בן־חמדתא האגגי צורר היהודים, דעם דריי־גארנדיקן אנטיסעמיט, ביז צו „מרדכי בן־יאיר, בן־שמעי, בן־קיש, איש ימיני".

ב.

„פורים איז קיין יום־טוב און קדחת איז קיין קרענק"! און מגילת־אסתר איז דאס סעקולערע בוך, וואס איז אריין אין הייליקן תנ"ך. שיר־השירים, דאס וואונדערלעכסטע ליבע־ליד, קאן נאך זיין א משל־געזאנג צווישן גאט און די כנסת־ישראל. די אידיליע רות — די זאטע בית־לחם לאנדשאפט, וואו דער קעניגלעכער שטאמבוים וואקסט ארויס — דוד מלך ישראל חי וקים!

מגילת־אסתר — וואו דער נאמען גאט ווערט קיין איינציק מאל אפילו נישט דערמאנט — איז אן אריענטאלישע מאשוס־שמעקעדיקע געשיכטע, א שפאנענדיקער ראמאן, געזאלבט מיט שמן־המור, באווירצט מיט בשמים־נעגעלעך: מען סמט זיך, מען הענגט זיך — צען אויף איין תליה! — עס ווימלט מיט שומרי־הנשים, מיט יעוונוכן און הארעם־מיידלעך, געשריבן אין קאקעטן־סטיל פון „טויזנט און איין נאכט": „בלילה ההוא נדדה שנת המלך"...

וואס ס'טוט זיך נישט אלץ אפ אין די צען קליינע קאפיטלעך. — וואסערע פארפלאנטערטע פלאטן, די סענסאציאנעלסטע דראמאטישע האנדלונגען — מיט פארכאפטן הארץ אין איין אטעם אדורכצולייענען.

און ערשט די לידער אויף די מאסקעראדן־בעלער, די צווייי־דייטיקע געזאנגען אין קארנאוואל־צוג:

„הערט אויס, מיינע ליבע לייט,
ווייסט איר וואס פורים באדייט?"

א באַרוישונג פון פרייד און פון וויין, א שכרות עד דלא ידע: „וואס אויף דער לונג, דאס אויף דער צונג"; פון אט די פורים־לידער, פון די פארשטעלטע אין „כרפס ותכלת וארגמן", הייבט זיך אן נישט נאר אונזער פאלקס־ליד און



ספעקטאקל מיט „טענצע און געזענגע", דאס אחשורוש־שטיק און מכירת־יוסף שפיל, נאר די וועלטלעכע, מאדערנע ליטעראטור אונזערע וואקסט דערפון ארויס; יא, אפילו אונזער מאדערנע יידישע מאלעריי.

מארק שאגאלס א קאמפאזיציע האט מער שייכות צו א משנכנס אדר־בילדל אין היימישן בית־מדרש אויף דער וואנט, מיט זיין שלל פון בארוישטע פארבן, מיטן געוואקל פון די שטריכן, ווי צו א קלאסיש־אקאדעמישע צייכנונג אדער בילד, אויף דער גאלעריע וואנט.

און פון ווו האט יאנקל אדלער גענומען זיינע פאקסן־בגילופימדיקע מאסקעס אויב נישט פון די באלוט־געסלעך אין די פורים־טעג?

דער פורים־מאסקעראד מיט די רבא בר בר חנא גוזמאות און בדחנישע לצנות עד דלא ידע ציען זיך שוין מזמן הגמרא אן איבער פומפדיתא, לינעל און ווארמס איבער פראג, לובלין ביז צו דער לעצטער ישיבה אין פוילן און ליטא. מיט דער „מסכתא פורים"־פאראדיע איז דער פורים נבעל־פה שוין געווארן שבכתב. די ערשטע שפיל־מענער און ארעם־בחורים זיינען געווען די וואנדער־קאמעדיאנטן מיט אחשורוש־ספעקטאקלען און מכירת־יוסף שפילן.

דער פאטער פונם יידישן טעאטער, אברהם גאלדפאדן, האט אינם זשיטאמיר־ער רבנים־סעמינאר ביי דער פורים־סעודה געשפילט די הויפט־ראלע אין ד"ר עטינגערס טעאטער־שטיק „סערקעלע".

מיטן תלמודישן פארטייטש פונם מגילה־ווארט „ונהפוך־הוא" און, זיך איבערגעדרייט, האט זיך נישט נאר געגרונדפעסטיקט דאס יידישע טעאטער, פון וועלכן א שלמה מכיאלס איז געווען דער גרעסטער „קעניג ליר" אויף די וועלט בינעס און זוסקין — דער גרעסטער האף־נאר — — און אז מ'האלט שוין ביי גוזמאות פאר וואס נישט אויך דערמאנען, אז שעקספירס האף־נאר זאל בכלל זיין א געניאלע קאפיע פון „מאנדריש" פון אחשורוש־שפיל — א גרופע פורים שפילער זאלן האבן דא אהער־פארבלאנזשעט, אויף דער אינזיל דא, נאך אין שעקספירס צייטן . . .

ג.

אין אונזער אלטער ליטעראטור, אין דער תורה, ביי די נביאים, געפינען מיר נישט קיין הומאר; אין אן אטמאספערע, וואו גאט געפינט זיך, פארגייט איינעם דאס געלעכטער. מען וואגט נישט א שמייכל צו טון.

איין מאל האט אונזער מאמע שרה א לאך געטון — „ותצחק שרה בקרבה" — האט עס גאט אזוי פארדראסן, אז ער האט אויסגעשריגן: „למה זה צחקה שרה"? שרה האט געוואלט לייקענען, אבער גאט האט זיך געהאלטן ביי זיינעם: „לא כי צחקת".

וויפל מען זאל וועלן ארויסדרינגען, אז דא און דארט געפינט זיך דאך א שמץ פון הומאר, עס וועט אונז נישט געלינגען. — סאטירע, יא: אין סוף פון דבורה־ליד, וואו די נבואהטע לאכט סארקאסטיש פון דער מוטער פון טויטן העלד: זי קוקט ארויס פון לופטשיק־פענסטערל אויפן זאקרויב; ווען דער בעל־התהלים זינגט: „פה להם ולא ידברו, עינים להם ולא יראו" אדער דעם נביאס שפאט איבער געצנדינער: ער שפאלט א בוים, פון איין שייט מאכט

ער זיך א גאט און ביים צווייטן קאכט ער זיך זיין וויעטשערע . . .

אחוץ אז מיר זאלן, חלילה, אננעמען ישעיהס „באחרית־הימים" וויזיע פאר הומאר: דעמלט, דעמלט, ווען א שעפס וועט זיך פיטערן מיט א וואלף, און א לייב וועט קיען שטרוי . . .

אט־א דאס איז עס טאקע וואס אונזער מאדערנע, וועלטלעכע ליטעראטור האט מחדש געווען. זי האט אריינגעברענגט הומאר אין יידישן שאפן: זי איז די צווייטע מטבע פונם פסוק; זי איז דער „והארץ נתן לבני אדם" —

און ווי פריי און ווי צעלאזן פלייצט דאס געוויסער־געלעכטער. אלע צוימען רייסט דער צעקוואלטער, צעשטראלטער יידישער פאלקלאר; „על ד' ועל משיחו", אפילו אויפן „נבתקה" אליין קאן ער זיך צעוויצלען: „אמרו לאלקים" כאפט זיך ביי א פארביטערטן ייד ארויס: „רעדט צו דער וואנט": און דאס אין די פארכטיקע טעג ווען א פיש אין וואסער ציטערט . . . און ערשט אין פרילינג, ווען די טייכן צעלאכן זיך: „משנכנס אדר".

חסידים פלעגן טייטשן „יום כפורים, דער הייליקער יום־כפור טאג איז אזוי גרויס ווי דער טאג פון פורים — יום כפורים". ווארום איז דען דא עפעס גרעסערס ווי שמחה, ווי דער טאג, ווען יידן מאכן א לחיים, עד דלא ידע.

די וועלט וואונדערט זיך: וויאזוי א שרייבער ווי שלום־עליכם איז מעג־לעך ביי א גלות־פאלק. א מאמע־לשון מיט אזא ניין־מאס שפרודלדיקן הומאר איז א שלום־עליכם ערשט דער אנהייב פון אונזער וועלטלעכער ליטעראטור — „שלום עליכם", „סקאצלקומט".

טביהס איינטייטשן א פסוק איז גארנישט אנדערש ווי די גמרא טיילמאל טוט עס: „המן מן התורה מנין, המן העץ" . . . „אסתר מן התורה מניין. אסתר אסתיר" . . . „מרדכי מן התורה מניין, מר דרור" . . .

און גייט דען נישט מענדעלע מוכר ספרים אפטמאל אין די דרכים פון א פיעכאטנעם מגיד, בשעת אייזיק מאיר דיק גייט נאך אין די טריט פון א דייטשמערישן פרעדיגער.

וואס איז דען הומאר, א ווארט, א סיטואציע צו פערדרייען, ווי א פעלץ אויף דער אנדערער זייט, גוזמאדיק אויף זיך קוקן ווי אין א פארגרעסער־גלאז פארקרימטן שפיגל און מ'קאטשעט זיך פאר געלעכטער . . .

אונזער פורים־רב, וואס פשטלט פארשטעלט דעם גאנצן אמת אין פנים אריין; מיר געפינען אים נאך אסך פריער פארן קעניגלעכן האף־נאר. יעדער שול־הויף, יעדער רבישער הויף, האט געהאט זיין כעלעמער נאר: אפרים גריידיגער, הערשעלע אסטערפאליער, מארדכי ראקאווער. יעדעס שטעטל — זיין שמחה פלאכטע, יוסף לאקש, מאטקע כאבאד.

ארום צוויי טויזנט יאר האט עס גענומען ביז פונם בדחן האט זיך אויס־סטיליזירט דער מאדערנער יידישער דיכטער — אליקום בדחן איז געווען נאך די פאפירענע בריק צו אונזער גרויסן פרץ. וויניקער האט עס געדויערט און פונם אגדתא־מעשהלע איז אויסגעוואקסן אונזער דריי־בענדיקע נאוועלע אין דער שאנק פון דער וועלט־ליטעראטור.



יוסף לעפטוויטש

## גייטענבי מיין גוישער לערער

„ומדבר כלשון עמו"

(מגילת־אסתר א. כב.)

איך שרייב מיינע אותיות ווי דו פלעגסט זיי שרייבן,
איך רייד מיינע רייד ווי דו האסט גערעדט,
דיינע דורות ענגלישע
האסטו און מיר אריינגעלעבט.

אבער איך, דער וויטשעפלער ייד, וואס האלט זיין יודישקייט,
בין געבליבן ווי אלע יידן א ייד.
נאר דורך דיר בין איך אניענגלענדער אויך,
צום ענגלישן לשון צוגעשמידט.

איך רייד ענגליש ווי דו האסט ענגליש גערעדט.
איך שרייב ענגליש ווי מיין — דיין שפראך,
איך, דער וויטשעפלער ייד וואס איך בין,
בין אניענגלענדער אויך.

ש. באיארסקי

## א סוחר א ייד

אאידישע פאראדיע אויפן רוסישן פאלסקלידל
„אוכאר קופעץ" (צום זינגען מיטן זעלבן ניגון)

מען פארט און מען לויפט
צו דעם גרויסן יריד,
עס קויפט און פארקויפט
דארט אסוחר אאיד.

קיין זארג אויף זיין קאפ
טו וואס איז דער אייל
שטעלט ער זיך אפ
אין אשטעטל דערווייל,

אכאפ טאן שיריים
פון רבין אווארט
און מאכן אלחיים
דא גלייך אויף אן ארט.

אין אכסניה דא כלעבן
דערזעט ער אמויד
פארגעסט ער אן רבין
און זאגט איר בסוד:

וואס טויג דיר דא זיין
אין אכסניה אמויד?
קום בעסער אריין
צו מיר אין מיין בויד!"

הערט אים דאס מיידל
און טוט זיך אבויג
פארט מיט איר קליידל
און ווינקט מיט אנאויג.

דער מסחר אין בויד
גייט אן אגאנץ נאכט
מע האלזט זיך אויף טויט
מע קושט זיך און לאכט.

אז ער איז געקומען
אהיים פון יריד
האט זיין ווייב דאן גענומען
אויפן צימבל דעם איד:

„ווו איז דאס געלט ?
תכשיט דו מיין
פינצטער מיין וועלט
אבראך דיר אריין“.

שווערט ער בא זיין לעבן
באם בארד בא די פאות
„איך האב פדיון געגעבן
פאר דיינע קאמייעס“.

## משה בעקערמאן

# אביסל פונם לעבן אין ניצע

(הומארעסקע)

דעם אמת געזאגט, איז דאס נישט געווען מיין ערשטער באזוך אין ניצע, נאר ווען איך בין דארט געווען צום ערשטן מאל האב איך פארברענגט בלויז זעקס טעג. אויסצופרעגלען זיך צוזאמען מיט די פעטע קאטשקעס פון אמעריקע און די דארע גאנערס פון ענגלאנד האט ביי מיר גענומען גאנצע צוויי טעג, און די איבעריקע פיר האב איך געהאט צו לויפן פון איין אפטייק אין דער אנדערער אין ניצע.

אין יעדער אפטייק האט מען מיר געגעבן אן אנדער שמירעכץ, וואס איך האב זיי אלע אויספרובירט, ווי אן אקספערימענט, אין איין טאג ! איין שמירעכץ האב איך גענוצט אויף דער לינקער האנט, א צווייטע אויפן רעכטן פוס, א דריטע אין מיטן, אויף דער פלייצע און אזוי ווייטער.

א טאג שפעטער איז מיר שוין קלאר געווארן, אז איך האב פשוט געפטרט שיינע עטלעכע פראנק אויף גארנישט, כלעבן. מיין לעצטן טאג אין ניצע האב איך ממש אויסגעזען ווי א צוויי־פיסיקע זעברא : יעדע שמירעכץ האט געטון דאס איריקע, מאכנדיק עפעס א באזונדערן „איינדרוק“ ביי מיר אויפן לייב. יא, ווען כ׳האב אראפגענומען מיינע ברילן און א קוק געטון אין שפיגל, איז מיר געווארן סאי ליכטיק סאי פינסטער פאר די אויגן.

זענט איר אייך מסתמא שוין משער, אז אין אזא מעמד זענען מיר נישט געלעגן אין קאפ קיין כלל־זאכן.

ווען אבער איך בין צום צווייטן מאל געקומען קיין ניצע, בין איך נאטירלעך שוין געווען, ווי מען זאגט, אן „אויסגעגרינטער“. איך האב מיך גלייך געשטעלט אין פארבינדונג מיט איניקע יידן תושבים דארטן, אויך מיר באפריינדעט מיט א יידיש פארפאלק, וואס מען טרעפט אזוי זעלטן אין א פרעמד לאנד. עס זענען געווען העכסט אינטעליגענטע מענטשן, כאטש זיי האבן מיך באוואויגן צו קויפן וולאדימיר גראסמאנס א בוך : „געארג בראנדעס און פעטער קראפאטקין“, דערשינען אין פאריז אין יאר 1961. ער, דערמאן, האט זיך גענומען מתנצל זיין פאר מיר, אז היות ער איז פאראנטווארטלעך פאר צוואנציק עקזעמפליארן, בעט ער מיך אים מוחל זיין די חוצפה לגבי א גאסט . . . פארשטייט זיך, אז איך האב אים אויסגערעדט דאס הארץ . . . א שאד כלעבן וואס מען באגעגנט זיך נישט מיט אסך אזעלכע גאסטפריינטלעכע מענטשן ווי די דאזיקע פאמיליע זיסערמאן !

א צווייטער ייד האט מיר מודיע געווען אין א בריוול, אז איך קען מיך טרעפן מיט אים אין דער „גרויסער שול“. אזויווי אבער איך קען יענעם נישט



און האב נישט געוואלט מטריח זיין דעם שמש אויסצורופן פון באלעמער אראפ, אז איך זוך פלוני בן פלוני, האב איך מיך מיט יענעם שוין נישט געטראפן. נייך, איך האלט נישט פון קיין גאסטפריינטלעכקייט, וואס באזירט זיך אויף נייטראלער טעריטאריע אדער פון נסים. עפעס אבער אפילו פון אט אזא איינלאדונג בלייבט דאך אין זכרון.

משמעות לעבן אין ניצע אן ערך צוויי טויזנט יידישע נפשות, דאס רוב זענען עס אלמנים און אלמנות. מען קען דעריבער רעכענען אויף א זעקס הונדערט פאמיליעס.

בעיקר דרייט זיך דאס יידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן ארום די צוויי סינאגאגעס : „די גרויסע“ — א ספרדישע און „די קליינע“ אן אשכנזישע. עס זעט אויס, אז די מערסטע ספרדים האבן אריבערגעוואנדערט אהער פון אלזשיר, מאראקא און אנדערע מקומות אין צפון־אפריקע. ביי זיי זעט מען אסך מער מענטשן פון יונגערן דור ווי ביי די אשכנזים, וואס זייער רוב איז פון מזרח אייראפעאישער אפשטאמונג און די כוונה זייערע איז זיך אויסצולעבן זייערע יארן במנוחה אין ניצע. זעט מען זיי טאקע ארומשפאצירן לאנגזאם איבער די גערטנער, אויף דער פראמענאדע „דעז־אנגלעי“ און זיצן שעהנלאנג אין קאפייען ביי א קליין טעפעלע קאווע.

א פראנצויזישער פריינט מיינער האט מיר איבערגעגעבן, אז ווען היטלערס שווארצע באנדעס האבן אקופירט ניצע האבן זיי גענומען ענדערן די נעמען פון די גאסן און בולווארן. קיינער האט נישט פראטעסטירט, למשל, ווען מען האט געענדערט דעם נאמען פון דער פראמענאדע „ד׳ אמעריק“, אבער ווען מען האט געוואלט ענדערן דעם נאמען פון דער פראמענאדע „דעז־אנגלעי“, איז געווארן אזא ויצעקו, אז די דייטשן האבן זיך „דערשראקן“ און דעם נאמען נישט געענדערט . . . די פראנצויזן זענען, פארשטייט זיך, שטאלץ אויף זייער „העלדישקייט“. צי די פראנצויזן בארימען זיך פאר אן אמעריקאנער טוריסט פונקט פארקערט, ווייס איך באמת נישט . . .

אחוץ די צוויי סינאגאגעס, געפינען זיך דא אויך צוויי יידישע רעסטאראנען : איינער איז אביסל מער רעליגיעז און די מאכלים דארטן קאסטן עפעס טייערער. אויך געפינען זיך אין ניצע צוויי יידישע יאטקעס ביי אלזשירער יידן אין די הענט. נאר טאמער קענט איר נישט קיין פראנצויזיש, וועט איר שוין נישט קומען מיט די קצבים צו קיין טאלק. זיי שטאלצירן אויך מיט זייער אראביש לשון, און קוקן אייך אן ווי משוגע, אויב איר פרעגט זיי צי זיי קענען כאטש עטלעכע ווערטער יידיש ווי, למשל, א פליגל, א פולקע א דרויבע אדער ענלעכעס. אזא קצב פארשטייט עס ממש נישט הלמאי א מענטש, וואס רעדט נאך יידיש, זאל פארקריכן אהער קיין ניצע. וואלט ער געהאט די מאכט, וואלט ער אלע יידיש־רעדנדיקע מענטשן פארשיקט קיין פאריז אויפן פלעצל . . . יא, די קצבים זענען גרייט צו רעדן מיט אייך אויף „העברע“, נאר מיר איז זייער „העברע“ נישט געפעלן געווארן. האב איך טאקע געהאנדלט מיט אזא קצב אויף שטום־לשון. אבער ווען עס קומט צו צעפערטלען א הון, מעגן זיי זיך קומען לערנען די מלאכה ביי א פאריזער קצב אדער ביי א לאנדאנער ; אין

דעם עניך, זאלן זיי מיר מוחל זיין, זענען זיי האלץ־העקער.

איבער ביידע יאטקעס איז דא איין משגיח, אן אוקראינישער ייד, וואס רעדט גראד יא א גוטן יידיש, און ער האט מיך ארויסגעראטעוועט פון א פארפלאנטערניש מיטן „העברע״ קצב. דארף מען אבער האבן א זכיה אים צו טרעפן אין דער יאטקע!

איך האב געמיינט, אז דער אוקראיניש־יידישער משגיח איבער די יאטקעס וועט זיין מלא שמחה ווען איך וועל אים זאגן, אז איך האב בדעה צו בלייבן אין ניצע עטלעכע חדשים און מיר וועלן קענען שליסן אביסל א נענטערע באקאנטשאפט, אבער איך האב נישט געטראפן . . .

די סיבה פון אט דער גלייכגילטיקייט צו פנים חדשות האב איך מיך שפעטער דערוואוסט. די כלי־הקודש אין ניצע שטיצן זיך בכלל נישט אויף די דארטיקע יידישע תושבים, נאר אויף די „געלט־זעק״, וואס וואוינען אין מאנאקא און מאנטאן און קאן, פון וועמען זיי האבן א היפשע הכנסה. ווי מען האט מיר איבערגעגעבן, געפינט זיך צווישן די דאזיקע אויך דער ברודער פון א באוואוסטן יידישן פילאנטראפ און פינאנסיסט אין לאנדאן.

עס וועט אפשר קלינגען פאראדאקסאל אבער א פאקט איז עס, אז אחוץ די רעליגיעזע אינסטיטוציעס זענען דא אויך טעטיק א ציוניסטישע ארגאניזאציע און א וויצ״א סעקציע, וועמעס עיקר־טעטיקייט באשטייט אין צוגרייטן פרייע מאלצייטן פאר ארימע יידן.

## עלא זילבערג

### זיי גוט צו מיר!

זיי גוט צו מיר,
און ווי אין אלטע צייטן,
גיב מיר דיין טרייסט,
א פריינדלעך ווארט מיר שענק,
זיי גוט צו מיר,
איך האב דיך אזוי נויטיג,
בלייב נית צו שפעט,
איך ווארט אויף דיך און בענק.

זיי גוט צו מיר!
פארגעס וואס ס'איז געווען,
דעם נעכטן איז ניטא,
דער היינט איז קורץ און קליין,
דער מארגן!
ווער ווייסט צו ער וועט קומען!
איעדער שטראל איז ליב,
ווען די זון האלט אין פארגיין.



זיי גוט צו מיר!
איך וועל דיך תמיד בענטשן,
פאר דער ליבער שעה,
וואס דו וועסט זיין מיט מיר,
און העלפן צו פערטרייבן,
די שווארצע מורה שחורה,
ארויסיאגן דעם אומעט,
וואס דריקט מיך אן א שיעור.

### א ו י ג ן

אויגן שווארצע,
אויגן בלויע,
אויג ברוינע,
גרינע, גראע,
אויגן ליבליכע
און מילדע,
אויגן ברענענדיקע,
ווילדע,

אויגן וועלכע,
ליבן גלעטן,
אויגן וועלכע
פרעגן, בעטן,
אויגן וועלכע
פייער צינדן,
און דערוועקן,
אלע זינדן . . .

פון די אלע
מינים אויגן,
לעבט איין פאר
אין מיין זכרון,
דאס זייגען,
מיין מאמעס אויגן
ווי איך האב זיי
געקענט פאר יארן.

אט דער בליק,
פון די פאר אויגן,
גוט און צארט,
ווי ברוינע טויבן,
זיי צוליב,
כ'וועל ווייטער טראגן,
מיין צושמעטערט,
קינדיש גלויבן.

## הארי פאצאנאווסקי

### דאס וואסער פון ירדן

ארבעט א ייד, אין פעלד,
און זינגט זיך א ליד,
רינט פון אים דער שווייס,
אין דאך פילט ער נישט מיד.

ער זינגט ווען ער אקערט,
ער זינגט ווען ער זייט
כאטש ער איז אומגערילגעלט
פון שונאים פון נאענט, און ווייט.

די זון זי ברענגט,
זי נאגט די ערד;
פון ייד'ס ארבייט,
א ווייך־גארטן ווערט.

דאס וואסער פון ירדן,
צום נגב פליסט,
עס הערפרישט די ערד,
צוויי טויזענט יאר פערוויסט.

## א. נ. שטענצל

# אויף דער גרענעץ

2

דארט־מונד, דארט־מונד, עססן! יאגט דער צוג אין דער פינסטערער נאכט מיט אזא ווילדן רעש ווי ער וואלט געוואלט וואס שנעלער אנטלויפן פון דער אויסגעהונגערטער, אומרואיקער רעזידענץ־שטאט; מיט אזא מאוימדיקן געיאמער שרייען די רעדער, ווייל ס׳האט פאר זיי אויסגעפעלט דא איצט אין דעם נאך מלחמהדיקן בערלין צומאל דאס ביסל טראן־אייל זיי צו שמירן.

דארט־מונד, דארט־מונד, עססן! אין יענע ראיאנען, וואוהין דער שנעל־צוג יאגט, ליגן די קוילן־גרובנס, די אייזן־און־שטאל־גיסערייען, די גרויסע קרופ־און־טיסן פאבריקן. אהין אין יענע ראיאנען האבן די דייטשן פון באזעצטן פוילן, אין די יארן 1914־1918, געשיקט אויף צוואנגס־ארבעט די געכאפטע יוגנט און די, וואס האבן זיך געמאלדן פרייוויליק. זייערע אייגענע יונגע מענטשן זענען געווען אויף די פראנטן, אהיימצוקומען העלדן און וועלט־באזיגער. האבן די פרעמדע געמוזט טון די שווערע, וואכעדיקע ארבעט, קוילן אין דייטשע, טיפע שאכטעס גראבן, אייזן און שטאל גיסן אין די פלאמען־פרעסנדיקע גיסערייען. אין יענע ראיאנען, צווישן רהיינלאנד און וועסטפאלן, אין רויך־פארקאפטשעטן, קוילן־שטויביקן רוהר־געביט, האבן זיך אזוי ארום אנגעזאמלט הונדערטער יונגע יידן אין די קוילן־גרובן שטעטלעך.

צענדליקער שאכטעס זענען דארטן צעווארפן אויף די פאר צענדליק קוואדראט מיילן, — די קופעס קוילן! די קופעס מיאל! פרעהיסטארישע מוילווארפן גראבן זיך אונטער דער ערד! — א שווערע לאנדשאפט, א דריקנדיקע וואו גרופעס שטעטלדיקע יונגעלייט האבן זיך ווי נישט איז איינגעארדנט אין די ארומיקע הערפער.

אנגעטון ווי די גורניקעס, מיט לעמפ און מיט העק און מיט די בלויע טשייניקלעך און טערמאס־פלאשן, גייען זי צו זייער „שיכט". שווער געווען ביז מ׳האט זיך צוגעוואוינט, ביז מ׳האט זיך אריינגעארבעט, ביז די ארעמס האבן באקומען די מוסקלען, די הענט די מאזאליעס — ס׳איז געווען עבודת הפרך! אבער אז מ׳האט געכאפט דעם שניט, האט מען הנאה געהאט הערפון: יידן אין דער שווער אינדוסטרי — דער חלום פון יידישן באוואוסזיניקן ארבעטער!

„שעווצי, קראווצי טא ניע לודזשיע"! ביי פאזנאנסקין, אין די וועבפאבריקן, ביי די קאהנס, אויף דער ווארטע האט מען דאך א ייד קוים צוגעלאזט! ביילן זיך מאזאליעס־פויסטן, שפירנדיק זייער כוח.

דער דארפיש־פויערישער וועסטפאלער, דער וויינבויער, דער רהיינלענדער, דער דורות־לאנגער קוילן־גרעבער אין רוהר־געביט איז בטבע א חבריש־



צוגעלאזענער, א „פילאזאפיש"־געמיטלעכער — די שותפותדיקע ארבעט, די לויערנדיקע געפאר תמיד איבערן קאפ אין דער פינסטערניש, און אין דער קנייפע ביים רונדן טישל ביים פולן קופעל ביר, מיט פייקעלע אין מויל — דאס דייטשע לשון איז נישט שווער אנגעקומען! ווארום וועלכער ייד קען דען נישט קיין דייטש?... האבן זיך די אלטע, מידע ארבעטער שנעל פארחברט מיט די יונגע, פריילעכע חברה.

קיין דייטשע בחורים זענען נישטא און דאס היימישע, געזונטע ארבעטער־מיידל איז א צוגעלאזענע, אן אפנהערציקע און דער עיקר — דער מארק האט נישט אויסגעפעלט! האט מען זיך גענומען פילן היימיש און זיכער — טאקע א שווערע, פינסטערע ארבעט, א לעבנס־געפערלעכע, הונדערטער, מעטער אונטער דער ערד! אבער אז מ׳קומט ארויף פון דער „שיכט" איז מען א מענטש, מ׳לעבט פריי; מ׳קען אהיימשיקן עפעס טאטע־מאמע, ווייב און קינד, און אליין לעבט מען אויך ווי א מענטש — זונטאג אויפן טאנץ־פלאץ, אין גארטן איז מען מיט א קניקס א פארבעטענער קאוואליר.

די באוואוסטזיניקע האבן לייכט געפונען דעם וועג צו די דייטשע סאציאליסטישע פארטייען, און מ׳האט זיי גערן אויפגענומען — א אינטעליגענטער עלעמענט, נייע כחות. מ׳איז געגאנגען אין שטאט אריין הערן מוזיק, זעען טעאטער, נעמען א בוך אין ביבליאטעק — די דייטשע ליטעראטור איז געווען צוגענגלעך, די שרייבער — באקאנטע נעמען: היינריך היינע, די צוויגס, שניצלער, קארל מארקס, בערנשטיין, ראזא לוקסנבורג, קארל ליבקנעכט.

און דער ארבעטער אין רוהר־געביט האט זיך געפילט וויכטיק; ער איז נויטיק פאר דער ווערמאכט פונקט ווי א סאלדאט אויפן פראנט: אנו, זאל מען פרואוון אויסקומען אן אים! מיט זיין ארבעט ליווערט ער די כלי־זין צום זיג, די הארמאטן, די שווערע טאנקען — די דיקע בערטא!

אן ארבעטער אין א קוילן־שאכט האט אויף זיך געטראגן אין די מלחמה־יארן די חשיבות פון א סאלדאט אין אן אקאפע — יעדע מינוט די געפאר פארשיט צו ווערן! ווייט פון פראנט, אבער דאך אקטיוו קריגס־באטייליקט — א העלד, א נוצלעך באשעפעניש אין דער קריגס־אינדוסטרי... און ערשט אין דער רעוואלוציע — דער ערשטער מחותן!

נאך דער מלחמה, דער דייטשער סאלדאט איז אהיימגעקומען א געשלאגענער און דערשלאגענער; פונם חלום פון „וועלט־רוים" איז אים געבליבן א לאך אין הארץ... אין די הונדערטער טויזנטער זענען געבליבן ליגן אויף די מלחמה־פעלדער, פארווארפן ערגעץ אין פיינטלעכע, פרעמדע לענדער, און דריימאל אזויפיל האבן זיך ארומגעשלעפט אין די שטעט פארוואָרלאזט, אפגעלאזט, מיד און פארביטערט.

אפגעוואוינט פון דער ארבעט, אפאטיש, דיסציפלינלאז, האט דעם לעבן געבליבענעם, געזונטן הארעפאשניק געפעלט דאס קייזערלעכע־קעניגלעכע דייטשע געהארכזאמקייט און דעם באוואוסזיניקן ארבעטער דאס ערלעכע טיף־פראלעטארישע רעוואלוציע־געפיל. דער „דייטשער מיכל" האט זיך געפילט ווי א געררייצטער הונט, אוועקגעיאגט מיט גארנישט פון יאטקע־קלאץ.

די מלחמה פארשפילט, דער סאלדאט פארבומלט, פארהורט, די אפיצירן־קאסטע דעגענערירט, דערנידעריקט, האט דער מאגנאט, דער אינדוסטריעלער געמוזט האלטן זיך „שטראם“, „קאפף האך“ און גענומען „דיסציפלינירן“ דאס טאג און נאכט ארבעטנדיקע רוהר־געביט. די שלעזישע קאפאלניעס האלב אפגעריסן, האלב שטייט אונטער וואסער, די קוילן־שאכטעס ביי דער פראנצויזישער און בעלגישער גרענעץ איינגאנצן רואינירט, איז דאס גאנצע געוויכט איצט דאס רוהר־געביט, דער שווארצער דיאמאנטן־אוצר צווישן רהיינלאנד און וועסטפאלן, דער אמאליקער ווייך־קעלער און תבואה־שפייכלער פון אלטן גערמאניען.

פארלוירן אויפן מלחמה־פלאץ, מוזן מיר געווינען אויפן אינדוסטריעלן געביט! האט מען זיך אין די ביליקע ארבעטס־קראפט, אין די צוואנגס־ארבעטער פון בשעת דער מלחמה, איצט, אין פרידנסצייט, נאך מער גענויטיקט ווי פריער. האט מען מיט אלע מיטלען זיי גענומען פעסטהאלטן, די פאליאקן און די יידן. וואס פאר א ראלע האט דעמלט דער מארק געשפילט? מ׳האט זיי פארשיט די אויגן מיט הונדערטער, מיט טויזנטער, מיט מיליאנען און אויך די ארבעטס־שעהן בעסערע און אין נדן אריין — א סאציאליסטישע, דעמאקראטישע רעגירונג!

די פאגראמען אין פוילן, דאס אנטלויפן פאר דער רעוואלוציע די נגישות, די ארעמקייט, דער עמיגראציע־שטראם פונם אייראפעאישן, מזרח־יידנטום וואס האט געפלייצט איבער מערב. דאס ווארטן אויף וויזעס, אין די גרויסע שטעט, אין בערלין, אין האמבורג די אבלאוועס אין די קאפעס, דאס זיך נישט קאנען איינמעלדן אויף דער פאליציי פון די גרענעץ־געשמוגלטע, האט זיך דער שטראם פון די יונגערע, פון די ארבעטס־פעאיקע געצויגן אין רוהר־געביט מיט דער הילף פון ארבעטס־ביוראס, אפילו דירעקטע פון די יידישע געמיינדעס אין די גרויסע שטעט. אין רוהר־געביט האט מען געוואוסט איז דאס לאנד פון טויזנט מעגלעכקייטן. קודם איז דאס איינמעלדן אויף דער פאליציי לייכטער, קיין אבלאוועס, און אויפן ערגסטן פאל איז דא אן אויסוועג. מ׳גייט אין די שאכטעס, אין א קוילן־גרובן.

אזוי ארום האט זיך אין יענע יארן אין רוהר־געביט געשאפן א נייער מין קיבוץ־גליות, א מקום פון א נייעם מין ייד, א פראלעטארישן ייד, אן ארבעטער ביי דער שווער־אינדוסטריע, א הארעפאשניק ביי דער ערשטער פראדוקציע־מדריגה.

שפעטער דער יידישער קוילן־גרעבער אין שארלרוא, אין בעלגיען, און אויך אין א טייל פראנצויזישע שאכטעס איז שוין אן אפשפליטערונג, א נייער וואקסנדיקער פראדוקציע־צווייג פון אט דער ארבעטער־מאסע אין רוהר־געביט, און פון די שפעטער צוגעקומענע, רעוואלוציענער יידישע יוגנד אנטלויפנדיק פון דער פוילישער געהיים־פאליציי.

עס מוז געזאגט ווערן, אז דער מין בחורים, דער נייער מין יידישער פראלעטאריער, שווער פארהארעוועטע גאנצע טעג הונדערטער און אפשר טויזנטער מעטער טיף אין דער פינסטערער ערד, אין קוילן־שטויב, אין שטיקנ־



דיקע גאזן, קוקנדיק נישט איינמאל דעם טויט אין די אויגן אריין, האבן זיך געפילט היימישער צווישן זייערע נישט־יידישע פראלעטארישע „קאמעראדן“ און „גענאסן“ אונטן אין די שאכטעס, מיט די צוגעלאזענע, אפנהערציקע ארבעטער־מיידלעך אויבן אין „היטעס“, ווי צווישן די דייטשע יהודים מיט זייער צילינדער־שטייפקייט און פון אויבן אויף זיי, אויף די אסט־יידן, אראפקוקנדיקע.

דער נייער מין ייד, קומענדיק שוין פון שטעטל פון א קלוב, מיט א פארטייבילעט, מיט א ביבליאטעק־קארטע אין בוזעם, אן אנגעליינטער און א דערצויגענער אויף פארזאמלונגען, אויף דיסקוסיעס, איז נישט מער געווען דער טיפ, וואס זאל קומען אין דער סינאגאגע אריין אדער אין גאליצישן קלויז, אז א בעל־הבית זאל אים אהיימנעמען אויף שבת ווי אן אורח צום טיש.

נאטירלעך, פלעגט זיך באווייזן אמאל א יידישער פראלעטאריער אין שול אדער אין קלויז אין טאג, ווען ער האט געהאט יארצייט; אויף ימים נוראים; פסח זיך אנדינגען ביי א ייד אויף יום־טובדיקן עסן. זעלבסטפארשטענדלעך זענען געווען אזעלכע, וואס האבן געזוכט אריינצוקומען אין א היימישער, יידישער שטוב לשם תכלית . . . א חתונה־געהאטער האט אהערגעברענגט פון דער היים זיין פאמיליע און געזוכט זי אריינצופירן צווישן יידישע מענטשן. נאטירלעך זענען אויך געווען אזעלכע, וואס האבן געזוכט פארבינדונגען, זיך ארויסצוקריגן פונם „פינסטערן לאך“: אפשר הויזירן, א שטעל אויפן מארק. אנגעזאמלט און באצייטנס עס אומגעזעצט אין „לאקשן“, און פון א פארארעמטן דייטש א הויז, א געשעפט אפקויפן, שותפות מאכן? . . .

אויב אין עסן האבן זיך גרופירט די, וואס האבן זיך באשעפטיקט אין די שטאל־גיסערייען, אין די אייזן־היטעס, איז דארטמונד געווען דער צענטער פון די קוילן־גרעבער. און מ׳האט שוין געוואוסט אויף אלע שאכטעס ארום, אין באכום, הערנע, האגן, געלזן־קירכן, און אלע קלענערע דארט ווי זיי האבן געהייסן, אז אין דארטמונד, אויפן בארג ארויף, וואו עס זענען די פוילישע הייזער, אין „הערבערג צום יונג־געזעלן“ קאן מען שטעטס טרעפן חברים, א לאנדסמאן, הערן עפעס פון דער היים, קריגן א יידישע צייטונג, א „לעבנס־פראגן“, א ניי בוך פון שלום אש, פון דר. זשיטלאווסקי.

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, פון פרצן, פון שלום־עליכם, די לידער פון מאריס ראזענפעלד, א באנד פאעזיע פון דוד איינהארן זענען שוין געשטאנען פראנק און פריי, זיך געוואלגערט צוערשט אויף די פאליצעס, שפעטער שוין אין אן עקסטרא פאך אין דער ביכער־שאנק פון „הערבערג צום יונג־געזעלן“.

אין יענעם יאר, 1919, איז כמעט דער גאנצער „הערבערג“ שוין געווען באזעצט מיט יידישע ארבעטער; די פאליאקן האבן שוין אלע געהאט אהערגעברענגט זייערע משפחות, געוואוינט אין אייגענע דירות. אפילו א קאטוילישן גלח זיך געברענגט און געהאלטן אן אייגענע קאפליצע הינטן אין טאל.

אין גאנץ דארטמונד און אין די שטעטלעך ארום האבן יידן און גוים געוואוסט פונם „הערבערג“ אויפן בארג. הויזירער פלעגן ארויפקומען און

נאכן ליזן זיצן בלייבן ביי א ווארשעווער צייטונג, א פערטע האנט צו א קערטל, און גלאט אזוי חוקר ודורש זיין און אפשר טאקע געפינען א שידוך פאר א טאכטער. זונטאג נאכמיטאג האבן שיקסעס, בלוט און מילך, שמעקעדיקע פון ביליקע פארפיומען און שמעקעדיקע זייפן ממש באלאגערט דעם „הערבערג צום יונג געזעלן“.

אויך אין דער יידישער קולטוס־געמיינדע האט מען אויף זיצונגען נישט איינמאל אויפגעווארפן די פראגע: „די אסט־יודן“. ראבינער ד״ר יאקאב, א ליטערריש פאראינטערעסירטער מענטש, האט אים דער נייער מין ייד אינטריגירט. מ׳האט נישט געוואוסט ווי איינצובייסן.

עפעס איז מען געווען שטאלץ: יידישע פראלעטאריער, מ׳לעבט דאך איצט אין א סאציאליסטיש דייטשלאנד . . . עפעס האט מע זיך געשראקן פאר זיי: עפעס אנדערע יידן, אן אנדערער עלעמענט! זייער בליק איז א אפענער, א פרייער, אין דער וועלט אריין — די שרעק פארן באלשעוויזם דעמלט איבער גאנץ אייראפע;

אין איינעם א ווינטער־טאג איז געווען א שאכט־אומגליק און צווישן דעם צענדליק פארשאטענע איז אויך געווען א ייד. די „באהערדע“ האט צו וויסן געטון דער יידישער קולטוס־געמיינדע, אז זונטאג וועט זיין די לוויה און אז די חברה־קדישא זאל קומען נעמען דעם יידישן בר־מינן.

די פאראדע איז געווען א שותפותדיקע, און אלע צען ארונות האט מען געפירט מיט די מוזיק־קאפעלעס באגלייט. גורניקעס אין טראכט פון אלע שאכטן ארום. אויפן וועג. פארן יידישן בית־עולם, האט זיך איין ארון אפגעטיילט און ד״ר יאקאב אין טאלאר, און איניקע יידן אין צילינדערס האבן דעם מת מקבל־פנים געווען פארן טויער פון יידישן בית־החיים. באלד אבער נאכן ארון האבן אנגעהויבן מארשירן זעקס אין א ריי, א שרענגע יידיש־פנימדיקע ארבעטער־מאסע אין די הונדערטער, און צוויי רויטע פענער האבן געפלאטערט מיט יידישע, גאלדענע אותיות. אלץ איז געווען מיט א סדר, מיט דיסציפלין — די שריט האבן עפעס ווי דערשראקן און דאך אנגעזאגט עפעס, ווי א גוטע בשורה. ד״ר יאקאב האט געפילט ווי טרערן שטעל זיך אים אין די אויגן. אנדערש,ווארעמער, טיפער האט ער געפילט זאגן זיך אים די תפילות. ער האט אויך געפונען די פאסיקע ווערטער אין זיין פרעדיק — „א נייער ייד שטייט אויף, א שטאלצער, א שטארקער, א קול קול יעקב מיט ידיים ידי עשיו“.

נאכן „כאל מלא רחמים“ איז ספאנטאן ארויס איינער, ווי ארויסגעשפרונגען פון א מיטעלער ריי און געזאגט אויסנווייניק א היימישן קדיש מיט א „ויצמח פורקניה“. די רייען זענען געשטאנען שטיל, איינגעהאלטענע, זיך איבערגעווארפן מיט בליקן, אבער דיסציפלינירט נאכגעזאגט הויך און שארף א היימישן „אמן. יהא שמיה רבא“. אבער צום סוף אלע מיט איינמאל ארויס מיט א געזאנג, אז די לופט האט געציטערט — זיי האבן געזונגען די שבועה! ד״ר יאקאב און די פיר צילינדער זענען געשטאנען שטיל און זייערע קאפ האבן זיך געבויגן איבערן פרישן קבר — א שווידער איז אדורך זייערע לייבער.

שבת אין דער סינאגאגע, אין זיין פרעדיק האט ראבינער ד״ר יאקאב



אסך מאל הערמאנט דאס ווארט „אסט־יודן“ — עס האט געציטערט אין זיין מויל מיט שטאלץ, מיט שרעק און מיט פרעמדקייט.

* * *

וועווטשע, נאך די אלע קלאפאטן פון קאזארמע און נסים פון אנטלויפן און שווארצן, איז געקומען נאך דארטמונד א צעבראכענער, א דערשלאגענער — א הייפעלע שרעק! אלץ, וואס ער האט געהאט, איז געווען גרינשפאנס אדרעס. אבער נאר באטרעטנדיק די שוועל פונם „הערבערג“ איז ער געווען אין דער היים . . . גרינשפאן א קאמוניסט, אין וועווטשע נאך אפילו נישט קיין בונדיסט: א נאמבערגיסט, א פאלקיסט . . . אבער דאך אברהמ׳ס. לייבלעכער ברודער.

ער קוקט זיך אום, אויך אזא מין קאזארמע, אבער צווישן אייגענע, צווישן ברידער. די פאר טשענסטאכאווער האבן אים ארומגערינגלט ווי א פעסטונג! יונגען ווי די ריזן, האמעטנע, פעסטע, זיי האבן נאר מורא, זיי וועלן׳ס צעקוועטשן, דאס זשוואוועדיקע, דאס קוועקזילבער־לעבעדיקע: וועווטשעלע . . . „טשענסטאכאוו“, „אברהמס ברודער“ —

דער ברענגט א קופעל ביר, דער „איבערלעגטע שטולן“, דער א זופ, „און א שטיקל בשר־קוויטש עסטע?“ „איך גיי אויף נאכט־שיכט וועסטו דיך לייגן אין מיין בעט און וועסט דיך אויסביקווען ווי א באראן“.

ער איז שוין געזעסן די נאכט ביי א קערטל, די וועסטל־טעשלעך באשטעקט מיט ציגארעטלעך, און גערויכערט איינס נאכן אנדערן.

דער בעל־הביתטע פון הערבערג, א זשוואווע דייטשקע, אן איבערגעיוירענע, וואס דער מאן איז איר געפאלן נאך אין ערשטן יאר פון דער מלחמה, איז ער אויך געפעלן באלד ביים ערשטן בליק: דער קלוג־שפיצטער שמייכל צווישן די דינע ליפן. און אויך די פרייד, וואס ער האט אריינגעברענגט צווישן דער פארמאטערטער, פאר־חושכטער חברה.

„איין טאג, צוויי טאג, א וואך, ס׳איז אפילו נישט איינגעפאלן קיינעם צו שמועסן וועגן א תכלית, מכוח איינמעלדן זיך אויף דער פאליציי, זיך באמיען צו זוכן א פאסיקע ארבעט. מ׳קוקט אים אן און מ׳האט הנאה: מ׳האט אן אייגענעם וועווטשע . . . גיי שיק דאס אין „פיט“ אריין. עס וועט צעקוועטשט ווערן און ס׳בלייבט נישט פון אים קיין ברייזעלע . . . ,

און ער אליין? אז שטעטס איז געווען ווער. דא קומט איינער פון דער „שיכט“ און דא גייט איינער צו דער „שיכט“. און אז קיינער איז נישטא, איז די זשוואווע בעל־הביתטע געווען . . . און א ביכל צו לעזן איז אויך געווען! אויסגעטון פון אלץ — דער גן־עדן אויף דער וועלט! אין א שבת פארנאכט, ווען חברה זענען געזעסן ארום טיש, האט זיך איינער ארויסגעכאפט: „און איצט, אז מיר האבן דא אן אייגענעם, א שרייבער, לאמיר פראווען פרצעס יארצייט. קיין מצה, קיין סדר, קיין פאסכא מיט געמאלענע אייער, לאמיר פראווען אן אייגענעם יום־טוב“.

און פון דער שאנק פונם „הערבערג צום יונג געזעלן“ האט איינער שוין אהערגעברענגט גאנץ פרצעס ווערק.

און ווי ציניש וועווטשע איז נישט געווען, ווי יעדן עול פון זיך אראפגעווארפן, איז ער געבליבן זיצן מיט טרערן אין די אויגן ווען ער האט דערזעען דאס בוך „חסידיש" פרצעס אויפן טיש. ער האט עס דערשפירט, און ווי מורא געקריגן פאר זיך. האט ער זיך מיט רירעוודיקער פלינקקייט א כאפ־אויף געגעבן ווי קליין ער איז נישט געווען און חבריש ארויפגעווארפן די האנט אויף גרינשפאנס ברייטער פלייצע, ווי זיך אנצוהאלטן אין איר: „קומט, איר האט דאך מיר אייער שטאט נאך גארנישט געוויזן. ס'איז דאך פרילינג דרויסן, „הנצנים נראו בארץ", די לופט שמעקט מיט סענטימענטאלקייט". און די גאנצע חברה, אלע ווי איינער, האבן זיך אראפגעלאזט דעם בארג. ביי איינעם האט זיך שטיל ארויסגעכאפט און אלע האבן נאך שטילער אונטערגעברומט די מעלאדיע פון „די דריי נייטארינס".

אלע האבן נאך געהאט די צוגעקלעבטע קאנווערטלעך מיטן וואכן־געהאלט אין די טאשן און מ'האט זיך ארונטערגעלאזן אין שטאט אריין א הוליע טון — א וויז צו טון דעם נייעם אנגעקומענעם, יא, דעם גאסט — יא, דעם נייעם אויפגייענדיקן טאלענט, דעם יידישן שרייבער, — „זייער" שטאט. און ס'איז דעמלט גראד געפראוועט געווארן אין די גערטנער אונטער די שטאט דער יום־טוב פון די עפל־בליטן און דאס שיסן פון די פלאשן עפל־זאפט און דאס פרויען געלעכטער ביי די טישלעך און צווישן די צווייטן־ביימער האבן געהילכט ביזן העלן טאג אריין.

* * *

די קנאפע דריי וואכן אידער איך בין געקומען האט שוין וואוטשע געהאט אן איבערבליק איבערן ישוב אויף וויפל ער, דער ישוב, איז געווען א יידישער: געוואוסט פון דויטש־יודישן יוגענד קלוב, וואו ס'ווערן פאראנשטאלטעט „אבענדע", פון א פועלי־ציון גרופע, וואס אז ס'קמט א רעדנער פון בערלין, פון דער ארגאניזאציע, קיין עסן, פארן אלע, א געשלאסענע גרופע אריין צום אוונט; ווער ווי א פארטיי־חבר און ווער צו דיסקוסירן...

אחרון של פסח האט אים א חבר אהינגעפירט אין וואולפס כשר־רעסטאראן, וואו ס'איז געווען פון אלדן גוטס, פון געפילטע פיש ביז מצה־באבעלעך און כרעמזעלעך.

ער האט שוין אויך געוואוסט פון רייכע, בעל־הביתישע הייזער פון אסט־יידן, וואו ס'געפינען זיך שיינע מיידלעך און מ'איז גארנישט אפגעניגט, אז א בחור באווייזט זיך.

דער נגיד פון גאליצישן קלויז — וואס איצט רופט מען עס שוין דאס חסידים־שטיבל, דאס בית־מדרש, ווייל ס'איז שוין א מער געמישטער עולם פון פוילישע, און וואו א דייטשער יהודי, אז ער האט יארצייט און וויל זאגן קדיש, מוז ער זיך אויך דארטן אריינכאפן, ווייל די שול איז א גאנצע וואך געשלאסן, — דער אלט אייזן און שמאטע גרויס־הענדלער, וואס האט זיין אפענעם פלאץ אין ראג, וואו מ'דרייט זיך ארויף צום בערגל, האט אים שוין אפילו אמאל, ווען ער האט פארבייגייענדיק שארף אריינגעקוקט: „איר זענט דאך נישט אזא זשלאב ווי די אנדערע אויבן, איר קאנט דאך אויפשרייבן און צוזאמענרעכענען,



איר וואלט דא געקענט שטיין ביי דער וואג יעדן דאנערשטאג, ווען די סחורה ווערט טראנספארטירט". זיין פנים איז געווען אזא, אז מ'האט עס געמערקט — דער קלוגער שמייכל אויף די שארפע, ליידנשאפטלעך־פארשפיצטע ליפן האט זיך איינגעשניטן.

ער איז אפילו איין שבת געווען אין דער סינאגאגע, וואו דער שמש איז צו אים צוגעקומען און געפרעגט: „מה שמך" און אויפגערופן צו אן עליה. און ביים „גוט שאבאס" פארוויקלט מיטן ראבינער ד"ר יאקאב אפאי ווערטער אין א שמועס: „יא, יא, וויר האבען געהערט יצכאק לייבוש פרץ"...

אבער געוואוסט האט ער, וועווטשע, אז זיין פלאץ איז אויבן „אויפן בערגל", אין „הערבערג צום יונג געזעלן", אויבן, וואו די „לינקע" האבן זייער היים — אפשר דערפאר, ווייל עפעס פיקט זיך אויבן אויס אזעלכעס, וואס אן העם איז נאך קיין פאלק קיין פאלק נישט, א הארעפאשניק קיין פראלעטאריער, קיין פאלקס־ליטעראטור נאך נישט קיין ליטעראטור: „אז די אור־פראדוקציע פעלט איז נאך גארנישטא... מיט נאדל־פאדעם וועסטו נישט פאסטריגעווען קיין מאדערנע וועלט־ליטעראטור", פלעגט דאך דוד ריכטער תמיד שרייען.

און אפשר איז עס טאקע גאר זי, די דייטשקע, וואס זי קען זיך גארנישט אנזעטיקן מיט אים, מיט זיינע שמייכלדיקע ווערטלעך און זי רוקט אים אלץ צו דא א „איבערלייגטע שטולע", אזש ס'רינט אים איבער דער געמבע, דא א קופעל ביר, דא א ציגארעטל, און איינצומעלדן ביי דער פאליציי זאגט זי אים אויך צו. זי ווייסט דאך שוין, אז ער מיט זיינע ווייכע „נידלעכע הענדכען" וועט שוין קיין קוילן גרעבער פון אים נישט ווערן...

און טאקע וואס פעלט אים דא אויבן ביי „די לינקע"? דער גן־עדן אויף דער וועלט! אלע בעטן שטייען אים פריי, די נאכט־שיכט בעטן — בייטאג און די טאגשיכט בעטן — ביינאכט, און ביזן העלן טאג אריין איז שטעטס דא מיט וועם צו זיצן ביי א קערטל, צו דיסקוטירן א פראבלעם, א בוך, און יאקאש טוט ער דאך אויך עפעס. שוין אנגעשריבן א צוויי סקיצן און חברה לעקן די פינגער.

סוף כל סוף וויל ער דאך ווערן א יידישער שרייבער, און וואו קאן ער זיך בעסער דרייען ווי אין אזא מקום, ווי דא אויבן ביי „די לינקע"?

צווישן די חברים דא גייט טאקע אן א כסדרדיקע מחלוקה: לענין־טראצקי, קאאוטסקי־בערנשטיין, ראזא לוקסנבורג, מעדעם־זרובבל. און די פאר איינגעשפארטע אנארכיסטן און חלוצים לייגן גאר איין די וועלט. און אז ס'גייט טאקע אין די גדולות אריין, מוז זי טאקע, די דייטשקע, שלום מאכן: „יונגען, זייט דאך בראוו!"

עס איז כסדר א קאכעניש צווישן די פארטייאישע, די האלב־באוואוסטזיניקע, אבער ס'איז נישט כדי חליקה — האלט מען זיך צוזאם! — האט מען א ברירה? די פעפעסאווצעס, זאלן זיי ארונטער מיט די פאליאקן אין דער קאפליצע? די „באוואוסטזיניקע" האבן זיך שוין איינגעשריבן ביי די „שטייגערס" אין דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי... די האזעס און באסקעס... און די חלוצים מיט זייער א. ד. גארדאן, ווערן אלץ ווייניקער פון

וואך צו וואך. עס הייסט, אז זיי גייען איבער דער גרענעץ, פון דארט קיין מארסעל און היידא — קיין פאלעסטינע!

אויבן אויפן בערגל „דער הערבערג צום יונג געזעלן" איז א סאפנדיקע קייט, א „אין פאליש אויף דער קייט" — „די לינקע".

* * *

אראפ פון שנעלצוג אין דארטמונד אין שווארצן הוט און מאנטל, מיט דער וואליזקע אין האנט, בין איך געבליבן שטיין אויפן צעטומלטן פעראן, ווי א נאר אויפן מארק און מיך נישט געקאנט דערמאנען וועוטשעס אדרעס, וואס זיין קוזין, וויינטרויב, האט מיר געגעבן אייערנעכטן אויפן צוג, פארנדיק מיט אים פון בויטן קיין בערלין.

כ'האב אים געדענקט נעכטן א גאנצן טאג און אים אויפגעשריבן פאר זיכערקייטס וועגן. ווארטנדיק אויפן דארמונד־צוג, האב איך מיך אבער דערמאנט, אז ס'איז שוין צוויי מעת־לעת ווי כ'בין אוועק פון דער היים און נאך קיין שום ידיעה אפילו נישט געגעבן צי כ'בין בשלום אדורך די גרענעץ. און אין טאש ליגט ביי מיר א קאנווערט מיט שלמהס אויפגעשריבענער אדרעס, וואס דער טאטע האט זי נאך אויפגעשריבן, תיכף מודיע צו זיין. האב איך טאקע אין דעם קאנווערט אריינגעלייגט וועוטשעס אדרעס און שנעל צוגעשריבן „אלץ בפרטות אין קומענדיקן בריוו", און אין בערלין נאך שנעל, איידער כ'בין ארויף אויפן צום, אריינגעווארפן אינם פאסטקעסטל.

שטיי איך אין א ווילד־פרעמדער שטאט אויפן פלאטפארם — עס רוישט, עס פייפט, עס טומלט, א געגיי אהין און אהער — ווי א געלעמטער, ווי א ליימענער גולם": „צוויי־דריי ווערטער, אינגאנצן אן אדרעס". איך וויל מיך אנזידלען, מסתם, אבער אנשטאט די זידל־ווערטער זאג איך ארויס הויך, הערמאנענדיק מיך, די צוויי־דריי ווערטער: „אויף דעם בערג, הערבערג צום יונג־געזעלן".

א נומעראווע, א פעראן־טראגער, זעענדיק דעם רייזע־פערטיקן פארשוין, דעם שווארץ־געקליידטן, מיטן קאפער אין דער האנט, זיכער מיינענדיק, אז דאס ווארט ער טאקע אויף א טרעגער, שנעל צולויפנדיק אויסצוכאפן א פארדינסטל און הערנדיק דעם פארגאפטן פארשוין ארויסריידן די ווערטער: „אויף דעם בערג, הערבערג צום יונג־געזעלן", האט ער, דינסטגרייט, א נעם ארויס געגעבן די וואליזקע פון דער האנט: „יא, יא, גייען זי מיר נאך". א רגע האב איך געמיינט, אז עמעץ וויל מיר דאס וואליזקעלע ארויסרייסן, אבער באלד מיך כאפנדיק, בין איך א צעשמייכלטער אים שטיל נאכגעגאנגען.

הויכע הייזער, פארקאפטשעדיקע, פאררויכטע אז מ'מוז דעם קאפ אויפהייבן זיי אנצוקוקן. עס שווינדלט אין די ברענענדיקע אויגן. אריינקומענדיק אין די גאסן, זענען זיי אזוי שמאל, אז ווען נישט די ליכטיקע שוי־פענסטער, וואלט טונקל געווען. איבערן קאפ שטיקלעך פאררויכערטע הימלען, פארקאפטשעטע. די קלינגענדיקע, באלויכטענע טראמווייען שטופן זיך פאמעלעך מיט זייער געקלאנג צווישן די שנעל־גייענדיקע מענטשן אין ביידע זייטן. עס קרעלט אין קעל פון רויך און שטויביקע־גאזן.



ארויסקומענדיק פון די ענגע גאסן איז דער הימל אלץ אזא טונקעלער. די זון זעט אויס ווי זי וואלט געווען פארשטריקט אין א נעץ אויפן קאפ אראפצופאלן. מיר הויבן זיך אויף א בארג ארויף, דער ארום באקומט עפעס ווי א היימישן אויסזען, ווי אין טשעלאדזש אויפן וועג צו דער סאטורביע. ארום דער „וואלד" מיט רויך־שפייענדיקע קרומענס האלטן דאס טאקע די זון אין זייער רויך־שפינענדיקער נעץ, זי זאל נישט אראפפאלן . . .

די באגעגנטע פרויען זעען אויך אויס ווי היימישע, מיט די קאפ־טיכלעך פארבונדענע אונטערן האלז און דאס ריידן אויך אזוי באקאנט, נאנט — איך קען נישט קיין פויליש, אבער כ'דערקען, אז ס'איז פויליש און דער קלאנג איז מיר אזוי היימיש.

גאנץ אויבן ארויפקומענדיק, איז געשטאנען, אין סוף פון די צוויי רייען פאררויכערטע, דריי־שטאקיקע צויגל־הייזער, אן אלטע געביידע, א מין אכסניא, אן אריינפאר־הויז, א קאזארמע.

„יא, יא, דאס איז דער הערבערג צום יונג־געזעלן". רעדט דער נומעראווע ארויס ווי ענטפערנדיק מיר; ער האט געזען מיין פארוואונדערטן בליק, באטראכטנדיק די געביידע. און ער אליין האט אויך אויסגעזען ווי ער וואלט נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר: ווי קומט די קאץ אין דעם זאק אריין? . . . דאס יעזוס־בלאנדע צוויי־שפיצן בערדל, די שווארצע טראכט . . . דער מאן מיט די אויסגעכאליעטע הענטלעך, וואס זוכט ער דא? ווי קומט ער דא אהער?

* * *

ווי א ביי, פריש לעבן איז עס געקומען איבער אונז, די פרייד געראטעוועט צו זיין, דער פרילינג אין ביילאנד; איז עס דען א צופאל? און ווען אפילו יא, איז עס דאך אויך עפעס, אויף א צוועק! אן שום עול, אן שום פליכט צו וועם — צוויי פרייע פייגל אנגעפלויגן אין זייער נעסט! — אלע בעטן שטייען אפן צום שלאפן. און אויב מ'איז הונגעריק, איז צו יעדער צייט א טעלער ארבעס־זופ, אן איבערלייגטע שטולע . . . אויב עס האט אונז דא אהער פארטראגן, איז עס צו א ציל . . .

איך האב אויפגעטרענט דאס וועסטל, וואו דעם פעטער חיימלס איינגענייטע געלט איז געלעגן, און מיר זענען געגאנגען עסן צו וואולפן אין רעסטאראן; געזעסן פונדרויסן ביי קאפע־טישלעך אין צוקערניעס; דרויסן ווו די עפל־ביימער בליען אצינד, און די גערנטדלעך הילכן פון פרויען געלעכטער פון פאלקס־לידער־געזאנג און פונם כסדרדיקן אויפשיסן פון די פלאשן עפל־זאפט.

מיר האלטן אין איין שפאנען, אין איין שפאצירן און די חלומות און די פאנטאזיעס בליען און צעפליען און פלאטערן ארום אונז ווי די בליטן פון די עפל־ביימער. מיר וואקס איינער אין אנדערנס אויגן: וואוטשע אין מיינע — דער דערציילער, דער סקיצן־שרייבער, דער נייער אברהם רייזין און איך אין וואוטשעס — דער געוואלטיקער פאעט!

מיר פלאנעווען א זשורנאל ארויסצוגעבן — „דער נייער אנהויב". וואוטשע האט שוין געדרוקט אייניקע דערציילונגען און סקיצן אין דער טשענס־

טאַבאַקער צייטונג. ביי מיר וועט עס טאַקע זיין דער אָנהויב.

וואַרשאַווסקי האָט צוויי נייע סקיצן, צוויי קאַפּיטלעך — „די קאַזאַרמע“. עס איז ניט נאָר א שילדערונג, עס איז דער גאַנצער שמוץ, די שנאה, דעם בלבול, וואָס די פּוילישע סאָלדאַטן וואַרפן אויף די יידישע: פֿאַרראַט! שפּיאָנאַזש פֿאַר די באָלשעוויקעס . . . עס איז פּשוט א געפֿאַר פֿאַר א יידישן זעלנער צו גיין אויפֿן פֿראָנט. אויב מ'ווערט ניט געשאָסן פֿון א פֿרעמדער קויל, ווערט מען הינטן אַרום דערשטאָכן פֿון א זעלנער אין אייגענעם פּאָלק — פֿון א פּאָליאַק.

„גיין, דו מוזט אָנשרייבן א נייַ ליד, טאַקע פֿון דאַ, פֿון יידישן קוילן-גרעבער“. וואַרשאַווסקי פֿאַררייכערט א נייַ ציגאַרעטל און די אויגן בלישטשען אים און די ליפּן ווערן פֿול גלאַנציקן שמייכל:

„א שאָד וואָס דוד איז נישטאָ. ער וואָלט געזען ווי דער יידישער פּראָלעטאַריער סטריגעוועס ניט נאָר הייזן מיט נאָזל-פּאָדעס, ציט אַדורך און עלי-פּאַגט דורך א גאָרל-לעבל, שפּייט האַלצענע טשוועקעס און זינגט זיך צו „בכבוד גדול“ — דער יידישער האַרעפּאַשניק שטייט ווי א נצלעכער אַרבעטער ביי דער ערשטער פּראָדוקציע — מ'מוז נאָר דעם ייד צולאָזן! דעם ערשטן נומער נאָר אַרויסגעגעבן און דערנאָך וועלן מיר שוין האָבן א גרופּע אַרום אונז.

„די ליניקע“ אויבן, דער חבר אַרטשיק, ניט אַזוי ווייטער ער דער האַרעפּאַשניק, נאָר דאָס יונגע ווייבל זיינס, וואָס ער האָט אַהערגעבראַכט. בלויז און מילך:

גאָלד און זילבער שיטן זיך פֿון איר מוילערל — ווערשעווער פֿאָלקלאָר“. צעלאַכט ער זיך, שפּייט אויס ס'מונדשטיקל און פֿאַררייכערט א פֿרישע ציגאַרעטל: כאָטש נעם א בלייפֿעדער און שרייב נאָך וואָרט פֿאַר וואָרט און דאָ האָסטו א פֿאָלקסטימלעכע מעשה“.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר זענען אין די ראַנג-גאַס, וואָס דרייט זיך אַריין צו די אַרטשיקס.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען, איז דער מאַן געשטאַנען א פֿריש-אָפּגעוואַשענער פֿון דער „שיכט“. די שטוב האָט געשמעקט פֿון דער שאַרפֿער זייף און פֿון דער פֿרישער יושקע אויפֿן אויוון, ביי וועלכן א קליין, געשיקט ווייבעלע איז געשטאַנען און געמישט א „רייטשעכטס“. דער מאַן אין העמד און הויזן, מיט א ברייטן לעדערנעם פּאַסיק מיט א גורניק-שנאַל, א געבויגענער איבער א וויגל, פֿון וואַנען ס'האָט זיך געהערט פֿריילעכע קינדער געלעכטערלעך: „טאַ טאַ, טאַ טאַי“.

„א גאַסט, א גאַסט, פּאַניע וויעזוויאַרקאַ“, האָט דאָס ווייבעלע זיך דערפֿריידט: „טרעט ווייטער, טרעט ווייטער, שעמט אייך ניט, דאָ איז יעדער אין דער היים ווי ביי זיך“. דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן צו מיר.

דער מאַן האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגעשטרעקט א פֿעסטע, ברייטע האַנט, אַז מיינע איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אין איר. און ווען דער דרוק וואָלט נאָך געדויערט א קליין ביסעלע לענגער, וואָלט איך זיכער אויסגעשריגן.

וואַרשאַווסקי האָט אונדז פֿאַרגעשטעלט: „א יידישער פּאָעט, שטענצל, חבר אַרטשיק“. ער האָט מיין האַנט פֿון זיינער נאָך אַלץ ניט אַרויסגעלאָזט און



אַהין געלאַכט צו דער פֿרוי: „גוטשע, און איך האָב געמיינט א צווייטער קוילן-גרעבער — א ראַנטשקעלע“.

„דו נאַר מיט דיינע חכמהלעך, אַלע מיינסטו מוזן נאָר זיין עשיר . . . אַזוי, א יידישער פּאָעט?“ האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פֿענדל רייטשעכטס אין איין האַנט און מיט דעם לעפֿל אין דער צווייטער, מישנדיק, מורא האָבנדיק דאָס רייטשעכטס זאָל ניט צוברענען. און ווי א ווירווינט איז דער היימישער געדעמפֿטער ריח אויסגעגאַנגען און זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער שטוב . . .

„מאַכע א ריכטיקער פּאָעט, פּאַניע וויעזוויאַרקע, אַזוינער, וואָס מאַכט די לידער, וואָס מיר זינגען, און אַבֿרהם רייזין, א מאָריס ראָזענפֿעלד?“ איז זי נאָך רויטער געוואָרן, צו דעם וואָס אירע רויטע פּאַנטשקע-בעקלעך זענען נאָך צעפֿלאַמט געוועזן אויך פֿונם אויוון.

„וואָס פֿאַרדרייסטו א קאָפּ א יונג ווייבל?“ ווער איך אויך רויט ביז איבער די אויערן און וויל ווייטער ריידן, אָבער וועסטשע לאָזט ניט:

„חבר אַרטשיק, דאָס איז ניט א ראָזענפֿעלד, וואָס גראַמט איבער שניידער, א רייזין מיט „קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ“, דאָס איז א נייער פּאָעט, מיט א נייעם אָנהויב — ער איז א וואַגלעמביער, א טשעלאַדזשער א געבוירענער און געקאָכטער צווישן גורניקעס. און וועט שרייבן איבערן יידישן קוילן-גרעבער, איבערן יידישן פּראָלעטאַריער. מיר פּלאַנעווען אויך אַרויסצוגעבן דאָ א יידישן ליטעראַרישן פּראָלעטאַרישן זשורנאַל“.

„אויב אַזוי, זעצט אייך טאַקע צום טיש און מיר וועלן קאָנען בענטשן במזומן. אויף מיין גוטשען קאָן איך מיך שוין פֿאַרלאָזן“. און דאָס שטיבל איז פֿול געוואָרן מיט געזאַנג. איין ליד נאָכן אַנדערן האָט דאָס ווייבל געזונגען און ביי „קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ“ האָט זי צוגעקלאַפּט מיט די לעפֿל אויף די בלעכענע טעלער, וואָס געשטעלט אויפֿן טיש. זי איז גאַנץ ווילד געוואָרן, צוגעלאָפֿן צום וויגל, אַרויסגעכאַפּט דאָס לאַכנדיקע קינד: „זעסט, רייזעלע, א יידישן פּאָעט, א יידישן פּאָעט, מיט א שפּיץ בערדעלע“ און באַלד אָנגעהויבן צו זינגען:

„האָט די מאַמע מיך געשיקט קויפֿן א יאַשטשיק“

„זאָל מיר זיין פֿון דיין שפּיץ בערדעלע“.

„דעם גליקלעכן שלאָגט קיין שעה“! מיר האָבן געלעבט אויס דער צייט! נאַכט? טאָג? אין יומא אריכא, אין לאַנגער טאָג איינגעטיילט אין „שיכטן“, אַז האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם — קומענדיק פֿון א „שיכט“, יענעם באַגלייט צו דער „שיכט“. א, מיר זיינען געווען צו באַרוישט פֿון אונזער פֿרייד, פֿון אונזער פֿרייהייט, פֿון אונזערע ליטעראַרישע פּלענער, אַז מיר זאָלן צוזאַמל באַגרייפֿן דאָס איינע וואָרט „שיכט“ באַגרייפֿן אין זיין ממשותדיקע טיפֿקייט, אין זיין האַרבקייט. יאָ מיר האָבן אפילו די פֿאַרהאָרעוועטע, פֿאַרחושכדיק אָנגעשטעקט מיט אונזער „שעפֿערישע“ פֿריילעכקייט — און אפֿשר איז דאָס אַליין שוין אויך געווען א שטיקל סאַטיספֿאַקציע . . .

צוערשט האָבן די פּוילישע פֿרויען פֿון די „פּוילישע היהערי“, זעענדיק מיך אין מיין שוואַרצן הילוך, געמיינט, אַז דאָס איז א וואַנדער-פּרעדיקער געקומען

פרעדיקן אין דער קאפליצע. מיין בלאנד, צוויי־שפיציק בערדעלע, די בלויע פארגאפטע אויגן, זיי האבן זיך אפגעשטעלט, פרום־ווארטנדיק געקוקט, אבער באלד האבן זיי זיך צוגעוואוינט. און אונזער יידיש ריידן איז, מסתם, זיי אויך היימיש און נאנט פארגעקומען.

דעם גאנצן טאג דאנערשטאג איז וואוטשע געשטאנען ביי דער וואג אין דעם אלטן אייזן־פלאץ און אויפגעשריבן די צענטנערס, די פונטן און די וועגענער. געציילט די זעק שמאטעס. בין איך אויך מיטגעשטאנען מיט אים און צווישן איין אפוועגן און צווייטן אלץ געשמועסט און איבערגעשמועסט און געפלאנט אונזערע פלענער.

„ווייסטו וואס", בין איך ארויס מיט אן איינפאל, מיט א מין פארזיכערונג פאר אונזערע גרויסע פלענער, „אין ערגסטן פאל וועלן מיר נעמען א וועגעלע און ארומפארן אין די אונטערגאסן איינקויפן אלט אייזן".

פרייטאג נאכמיטאג. מיר שפאצירן איבער דער שטאט, צום הונדערטסטן מאל שמועסן א דורך אונזערע פלענער. איך לייען וואוטשען פאר מיין ערשט אנגעשריבן ליד אין דארטמונד, א מין באלאדע אין פאלקסטימלעכן טאן: „דער פארשאטענער קוילן־גרעבער". וואוטשע איז אנטציקט הערפון: „דאס וועט טאקע גיין אויף דער ערשטער זייט, כ'מיין דירעקט נאכן לייטארטיקל, מכוח דער בויטוועדיקייט און די צילן פונם זשורנאל". אויסשפייענדיק א צענאגט מונד־שטיקל און וועלנדיק פארויכערן א פריש ציגארעטל, זעט ער, אז ס'שאכטל איז ליידיק און ער כאפט זיך שנעל אריין אין א ציגארעטן־געשעפט. אבער איידער ער קומט צוריק ארויס, באוויזט זיך א ייד מיט א שיין־פארקעמט און אפשר אויך גאר צוגעשוירן בערדל, אין א שווארצן „יאקל", אביסל א גע־קירצטן און ווענדט זיך צו מיר א פארוואונדערט־פרייַלעכער, אין א היימישן בענדינער־זאוויערטשער לשון: „זענט איר נישט טאקע דער הערר שטענצל?"

איך קוק דעם ייד אן א פארגאפטער, ווי פון הימל אראפגעפאלן און נאך איידער איך באקום לשון, נעמט ער שוין לאכנדיק דערציילן: „נעכטן אין דער פרי באקום איך א בריוו פון מיין קוזין אין סאסנאוויצע, אז אייער ברודער, דער מורה־הוראה, האט אים געזאגט, אז זיין ברודער געפינט זיך אין דארט־מונד. און לויט ווי ער שילדערט מיר, זענט איר עס און נישט קיין אנדערער".

ער איז געווארן געשעפטלעך: „איר זעט דאך קונים, פרייטאג איך אליין אין געשעפט . . . קומט היינט ארויף . . . מיין וויזיט־קארטל". ער איז שנעל אריין צו באדינען דעם קונה. און ווען „דער קונה" איז ארויס מיט א שוין אנגעצונדן ציגארעטל און געזעען ווי איך באמי מיך צו אנטציפערן א נאמען אין א וויזיט־קארטל, און שנעל כאפנדיק א בליק הערין און באלד פארשטייענדיק דעם סוחרס צוגיין צו דער טיר־שוול און לאזן אים שטיין ווארטנדיק:

„אברהם נחום, דאס איז דאך שמעון ראטנער, דער גאנצער מאכער דא אין „אסט־יודן פארבאנד", א פוילישער ייד, א שטיקל משכיל, א שטיקל תלמיד־חכם, א ייד א נגיד. דו זעסט דאס געשעפט, ער האט אזעלכע פינף — און א טעכטערל האט ער". ער האט צוזאמענגעלייגט די פינגער ווי א קוש צו טון: „איינס אין דער וועלט!" זי געזען שפילן די פיאנא אויפן קאנצערט".



כ'בין נאך אלץ צו מיר נישט געקומען. איך גאפ נאך אין וויזיט־קארטל. „קום, מיר וועלן ארויפגיין ווי נישט זיך שבתדיק אנטון; מיר וועלן אהין צו וואולפן עסן געפילטע פיש — נישט אהינקומען ווי די אויסגעהונגערטע וועלף. ס'איז א בעל־הביתיש יידיש הויז — שמעון ראטנער! דער פער פון דארטמונד". (שלוס פון קאפיטל אין קומענדיקן נומער)

## פאמעלא מעלניקאף

## אסתר המלכה

אסתר און איך פריינט געווען אמאל. אין העלע
פארנאכטן איידער צורר געלייגט האט
זיין חותם אויף שושן, וואו צווייגן געשאקלט זיך גרין
און מיר געשפילט האבן אין איר פעטערס גארטן
און אפט זיך געשושקעט . . . נאר קיינמאל גערעדט פון מלכים
אדער געטרוימט, אז ווערן וועט זי קעניגין.

דעמלט, אין זארגלאזער מיידלשאפט, ווען נעמען
פון המן און מלך נישט געארט אונז האבן
ווי דער טויט אפילו, און גאלדיקע שטראלן שוין
געלויכטן האבן דורך בלום און בלאט, מיר געוואנדלט, געטרוימט
פון חתנים־געליבטע און געשמייכלט הערביי . . .
נישט געזען זי מער זינט ז'האט באקומען די קרוין.

איצט אין בלוט־רויטער שטאט מיר ווארטן
מארגן־גלי פון בלוט־רויטע מעסערס, גאלגן און פייער . . .
וואו איז דער גאט, וואס געדריקטע געהאלפן האט
פארצייטנס אמאל? פירער אונזערע בויגן קעפ און בעטן;
קינדער יאמערן, און האפנונג אויך בלויז א קינד
מיט הכנעה, מיט פחד, און וויינט אין דער שטאט.

און וואס בנוגע אסתר — געקרוינטער מלכה . . .
ארויסגעשטויסענע, גייט איר פאלקס גורל נישט אן?
וועט איר א טרייסט דער שרעקלעכער טראן דען זיין,
די קרוין, קליידער פון פורפור און גאלד
און א מלכס ליבשאפט אין טרויעריקן טאג,
ווען זי מוז לעבן פאר זיך און שטארבן אליין?

אין שוידערהאפטן מארגן, ווען העק וועלן פאלן
און געטון וועט ווערן פון המן דער רצון, און מיר דעמלט
א מיטאס בלויז — נישט מער, וועט זי כאטש אין טרוים
מיך געדענקען און לאנגע פארנאכטן פון וואנדל און שפיל,
חלומות פאנטאסטישע, צוויי גליקלעכע מיידלעך
געחשבונט די יארן, דארט אונטערן מירטן־בוים?

פון ענגלישן א. אלמוג

י. ריכטיגער

## די עפיק פון דבורה
## די העלדישע מוטער פון ישראל

ווען די שבטים פון ישראל זענען געווען
צעשפליטערט און צעריסן,
קארופטירטע מנהיגים האבן, מיט שנאת חנם,
אפגעטעמפט זייער געוויסן.
און די כנענישע שכנים, האבן זיי נאכגעפאלגט
מיט זייערע גיריקע בליקן,
געלויערט אויף זיי, ווי ווילדע חיות,
פארן שפרינגען צו פארצוקן.
זענען אויפגעשטאנען פריוויליקע פון פאלק,
ווי אין דער אלטער צייט אמאל
און מיט א ברכה פון גאט אויף זייערע ליפן,
געבראכט שלום צו די שבטים פון ישראל.

אזוי ווי אין דער מדבר רפידים, ווען עמלק האט די נאכשלעפענדיקע די
מידע און קראנקע געטויט.
האבן אים יהושע מיט זיין פאלקס-ארמיי דערשלאגן
און באפרייט ישראל פון אנגסט און נויט.
אזוי אויך, אין דער צייט פון דבורה און יעל,
האבן זיך פאלקס-מענטשן פאראייניקט,
קעגן די כנענישע באנדעס פון סיסרא,
וואס האבן זיי געפייניקט.
וואס האבן טעראריזירט די פויערים, צוגערויבט
די פרוכטן פון זייערע פעלדער,
און צו באקומען אויסלייז-געלט, פארשלעפט
שטאדטישע איינוווינער אין די וועלדער.

קאראוואנען זענען באפאלן געווארן און הענדלער, האט מען
געפינען געהרגעטע אויף די וועגן,
שפייז פאר די הונגעריקע באפעלקערונג, האט מען געמוזט
שמוגלען דורך קרומע שטעגן.
אלע אפענע שטעדט, האט מען געמוזט ארום רינגלען מיט
הויכע ערדוואלן,
כדי צו באשיצן די איינוווינער קעגן סיסראס
באנדיטישע אנפאלן.
אבער אויך אין די פארפעסטיקטע שטעדט, האבן זיך די באנדיטן
אנגעהויבן אריינצוברעכן,
און עס איז ניט געווען קיין פאנצער זיך צו באשיצן,
אדער א שפיז זיי צו דערשטעכן.



ביז דבורה איז אויפגעשטאנען, ביז א מוטער אין ישראל
האט רעוואלטירט,
קעגן די קארופטירטע מנהיגים, וואס האבן
דאס פאלק פארפירט.
וואס האבן מיטן יאגן זיך נאך באזיץ אדער כבוד, צעשטערט
צווישן די שבטים דעם פרידן,
אנשטאט פאראייניקן זיי קעגן זייערע שונאים
און כלי זיין פאר זיי שמידן.
געצוווינגען האט מוטער דבורה, מען זאל נייע מנהיגים
פון פאלק אויסקלייבן,
און א דאנק די פאלקס-מענטשן, האט מען ווידער אנגעהויבן
אין גאט צו גלייבן.

די רייטנדיקע אויף ווייסע אייזלען צו אויף טראגשטולן
אין פאלאנקינען ווילן,
אדער די שפייז-פארזארגער דורך קרומע וועגן,
וואס האבן געציטערט פאר סיסראס פיילן.
זענען געווען הערפרייט צו הערן, אז דבורה
האט די אלטע מנהיגים פארטריבן
און פאראייניקט אלע שטעדט און דערפער פון הר אפרים
אונטער נייע פון פאלק געקליבן.
פון אומעטום האט מען גערופן — וואך אויף דבורה! וואך אויף
און זינג דיין געזאנג,
שטיי אויף ברק זון פון אבינועם, באפאל די שונאים
און פאנג דייך געפאנג.

צו די מעכטיקע שבטים פון ישראל, האט מוטער דבורה
געשיקט א בקשה,
זייערע גיבורים זאלן קומען העלפן פארניכטן,
די באנדעס פון רשע.
געענטפערט האבן די גיבורים פון שבט אפרים,
וואס צווישן די עמלקים זיצן,
זאל שבט בנימן שיקן זיין ארמיי, וועלן
מיר זיין נחלה באשיצן.
מכיר פון שבט מנשה האט געשיקט געזעצגעבער, ווי אויך
שרייבער צו שרייבן דעקרעטן.
געלערטע פון שבט יששכר זענען געגאנגען מיט דבורה און ברק,
צו זיין שטאפעטן.

אין די רייען פון שבט ראובן האט צום איבערלייג
ניט גענומען קיין סוף,

און זיי זענען געבליבן ביי די סטאדעס, צוהערענדיק
דאס מעקן פון זייערע שאף.
גלעד פון שבט גד האט ביים ירדן גערועט, דער שבט דן
איז ביי זיינע שיפן געווען פארנומען,
דער שבט אשר האט געהאט טראַטוועס אויף די טייכן און
קיינער פון זיי איז ניט צו הילף געקומען.
אבער אלע מלכים פון כנען האבן פאר סיסראן
זייער לעבן איינגעשטעלט,
וועגן זייער שנאה צום פאלק ישראל, האבן זיי, פאר זייער
הילף ניט גענומען קיין געלט.

נאר די שבטים זבלון און נפתלי האבן געשיקט מיט דבורה און ברק
צען טויזנט צו פארטיידיקן דאס פאלק ישראל,
קעגן די כנעניש רייטער און רייטוועגן האבן זיי
געקעמפט צוערשט אויפן בארג תבור און דערנאך אין תעניך טאל.
ווייל עס איז שווער אין בערג אפילו א שוואכערן צו
פארניכטן אדער פאריאגן,
איז סיסרא געווען צופרידן, וואס די מלחמה האט זיך
אין תעניך טאל איבערגעטראגן.
אבער אויך דארט איז די מלחמה אנגעגאנגען, פון אין
דער פרי ביז אויפדערנאכט,
און די כנענישע ארמייען האבן ניט געקאנט
געווינען די לעצטע שלאכט.

פלוצים שפעט אין אוונט האבן געדיכטע
וואלקענס דעם תעניך־הימל איבערגעצויגן,
דינערן האבן פארטויבט די אויערן און
בליצן פארבלענדט די אויגן.
ווי שטערן געשליידערט פון זייערע באנען, זענען די בליצן געפלויגן
מיט האגלשטיינער צו דער ערד,
גלייך אין די פנימער פון סיסראס סאלדאטן, שימערירנדיק
דעם ציל פון שפיז און שווערד.
סיסרא מיט די מלכים פון כנען און זייער גאנצער
מענטשן געווימל,
האבן געשריגן — לאמער אנטלויפן — די מלחמה
ווערט געפירט פון הימל.

צו אנטקומען פון פייערדיקן האגל, איז סיסרא מיט זיינע ארמייען
צום אלטן טייך קישון געלאפן,
אבער אויך אים האט ער
א צעבייזערטן אנגעטראפן.



כוואליעס וואסער, ווי לאווע פון וואלקאנען, האט דער טייך
צום הימל געשאסן,
און פאלנדיק צוריק, האבן זיי סיסראן
מיט זיינע ארמייען איינגעשלאסן.
פון דעם ליארם און געפילדער, זענען די פערד
אין דער הויך געשפרינגען,
און די ארונטערגעווארפענע רייטער, האבן
די אויסגאסן פארשלינגען.

פלוצים איז די גאנצע געגנד אילומינירט געווארן פון
דער דערבייאיקער שטאדט רוז,
אייל לאמפן און שטאלקארצן האבן
געברענט פאר יעדן הויז.
ווי לייכטטורעמס ווייזן שיפן דעם וועג
אין א פינסטערע נאכט,
אזוי האבן די ליכט פון דער שטאדט רוז געצייגט,
ווו צו אנטקומען פון דער שלאכט.
האט ברק פארשאלטן די איינוווינער פון רוז, פארן באלייכטן
דעם פינסטערן באגינען,
זיינע פרייוויליקע האבן זיי ניט געהאלפן און געוויזן
סיסראן א וועג צו אנטרינען.

באהאלטן האט זיך סיסרא אין געצעלט פון יעל —
חבר הקיניס ווייב,
געבענטשטער פון צנועות זאל זי זיין, הגם זי האט אים
דערוואַרעמט מיט איר לייב.
גיב מיר וואסער — האט ער געבעטן — שמאנטיקע מילך
האט זי אים געגעבן,
אן אויסגעמאטערטער איז ער איינגעשלאפן אויפן בעט
ביי איר דערנעבן.
מיט איר לינקער האנט האט זי שנעל,
א שארפן נאגל געכאפט,
און מיט איר רעכטער האנט א שווערן האמער,
וואס אין דער קוזשנע קלאפט.

אין סיסראס קאפ האט זי דעם נאגל אריינגעהאקט,
מיטן גאנצן כח,
און איבער איר געלעגער האט זיך צעשפריצט
זיין רישעותדיקער מוח.
אין זיין גסיסה קאנוולסיע האט סיסרא
זיך נאך אויפגעשטעלט,

צוריק צו שלאגן דעם אנפאלער אדער צו
אנטלויפן פון געצעלט.
אבער קיים נאר עטלעכע רגעס איז געשטאנען
דער לעצטער כנעניישער ריז,
זיינע קניען האבן זיך געוואקעלט און א טויטער איז ער
געפאלן ביי יעלס פיס.

דורכן לופטשיק האט סיסראס מוטער געקוקט,
אויף אלע וועגן פון דער ווייט,
און זיפצנדיק האט זי געפרעגט — פארוואס
איז ער נית צוריק געקומען אין צייט ?
פארוואס, האבן זיינע רייטער פארזוימט ?
פארוואס, האבן פארשפעטיקט זיינע רייטוועגן ?
אירע הויף דאמען האבן איר בארואיקט, אז ער האט
געראובט א גרויס פארמעגן.
ער האט געראובט א סך צו פארטיילן :
פאר יעדן א מיידל אדער גאר מיידלעך צוויי,
מיט פיל טעפעכער פארביקע און קליידער געשטיקטע,
פאר יעדן איינעם פון זיי.

דערווייל האט ברק סיסראן געזוכט און
געפרעגט וועגן אים אומעטום,
אבער קיינער האט אים נית געזען אין דער
גאנצער געגענט ארום און ארום.
ביז פון חבר הקניס הויז איז אים יעל
מיט פרייד אנטקעגן געלאפן,
אין איר געצעלט האט זי אים געפירט און דארט
האט ער סיסראן א דערהרגטן געטראפן.
האבן זיך ברקס ליפן געעפנט מיט דער ברכה : אזוי זאלן
אלע שונאים פון גאט אונטערגיין,
און שטארק, ווי דער אויפגאנג פון דער זון, זאלן זיינע
געליבטע, דבורה און יעל, זיין.
און די העלדנגעשיכטע ענדיקט זיך, אז נאכן גרויסן נצחון
איבער סיסרא און זיין חיל
איז געווארן שלום צווישן די שבטים פון ישראל
און די מוטער דבורה האט פירציק יאר געמשפט
דעם גאנצן קהל.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

# יאוש

(עסיי)

דער יאוש אין דעם געמיט פון א מענטשן, ווארצלט אין דעם באוואוסטזיין פון דער אני הגבר־שטימונג פון דעם באטרעפנדיקן יחיד, ווען זיין חשבון הנפש איז א דורכאויס פעסעמיסטישער און געווינט די אויבערהאנט איבער זיינער אן אינטענסיווער איבערלעבונג, וואס שטעלט זיין לעבן אין געפאר; איז קאפאבל צו פארטונקלען דאס קלארקייט פון זיין באוואוסטזיין, אפילו בלויז אויף איין סעקונדע — און אין אים גורם זיין דעם אקט פון מאבד עצמו לדעת.

דער איבערגאנג פון קלארקייט צו אומקלארקייט אין דעם געמיט פון א מענטשן איז, ווי דער איבערגאנג פון טאג צו נאכט, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואס בשעת אין דער נאטור קומט עס פאר בהדרגהדיק, אויף א הינטערגרונט פון א שטילן אויסלייג פון זיך־בייטנדיקע קאלירן, ברעכט עס אלעמאל אויס אין דעם געמיט פון א מענטשן ספאנטאן, ווי דער אויסברוך פון א שטורעם, מיט דער אומגעריכטקייט פון א פייער, וואס שעדיקט אים מאמענטאל, און דערפירט אים נישט זעלטן צו דער טראגיק פון טאטאלער פארניכטונג, אדער — אין בעסטן פאל, צו א כראנישער פארקריפלונג.

דער יאוש ביי א מענטשן, כאטש אויבנאויפיק, ווי געזאגט — איז א ספאנטאנער אויסברוך אויף דער פאן פון א טראגישער איבערלעבונג, איז אין גרונט גענומען א פועל יוצא פון מער ווי איין איבערלעבונג און איז אונטערווארפן דעם זעלבן געזעץ פון אנטוויקלונג, ווי עס איז אין דער נאטור פון זאכן אין אלגעמיין, וואס האבן ערגעץ וואו אן אנהויב און זיי דערגרייכן דעם קלימאקס פון זייער אנטוויקלונג אין משך פון יארן. צוליב דעם לאזט זיך דער יאוש ביי א מענטשן אויך בלויז דערקענען ביי דעם קלימאקס פון זיין אנטוויקלונג, און איז בדרך כלל נישט ביי אלעמען גלייך אין דער פארם פון זיין אויסברוך.

פאקטיש איז דער יאוש ביי א מענטשן א כראנישע קראנקהייט, וואס בייט זיך, לויט דעם אנרעג פון די זיך־בייטנדיקע אומשטענדן, וואס קען יא און נישט פארבלייבן פערמאנענט. ביי מענטשן מיט כאראקטער און עגאאיסטישע נייגונגען אין לעבן, איז דער איבערגאנג פון יאוש צו א פאזיטיוון צוגאנג צום לעבן, בלויז צייטווייליק קריטיש. ביי דעם אבער וואס איז בכלל א פחדן — א פלעגמאט אן א געזונטן חוט השדרה, איז דער יאוש אלארמירנדיק, פאקטיש — דער באלדיקער אנזאג פון א פאטאלן און זיכערן אונטערגאנג, וואס איז כמעט ווי אומפארמיידלעך.

## רעדאקציע נאטיצן

אין דער „לעבעדיקער צייטונג“ איינגעארדנט פון יידישן שרייבער־פעראיין אין יידישן וועלט קאנגרעס האט א. מ. קייזער רעצענזירט נ. מ. סידא׳ס אקארשט דערשינענעם ראמאן „אין בעגינינג וואס פיר“.

אפנים אז א. מ. קייזער אונזער הומאריסט האט שוין געפילט די פורימדיקע שטימונג איבער זיך, דעם „משנכנס אדר מרבים בשמחה“ און זיין רעצענזיע געהאלטן אין אט אזא מין טאן.

לויט ווי איך הער פון פאך־מענטשן, וואס ענגליש איז זייער שפראך, איז סידא׳ס דערשינענע בוך אן ערנסטע ליטעראַרישע און ווערט־פולע ארבעט. שטעלט זיך די פראגע: אויב אן אויטאר האט א נאנטע שייכות מיט קאמוניזם ווערט שוין פסול זיין ארבעט?

די שרייבערין נ. מ. סידא האט צוגעשיקט אן ארטיקל פארן „לשון און לעבן", וואס פארענטפערן פארשידענע פראגן בנוגע איר בוך און מ׳זעט צווישן די שורות אז זי האט אין זינען צו ענטפערן אויף קייזערס רעפעראט. דער ארטיקל קומט אין דעם נומער נישט אריין מחמת עס איז מער קיין פלאץ נישטא — אי״ה אין קומענדיקן נומער.

* *

איבער מאנגל אין פלאץ קומען אויך די „לאנדנער־קולטור־ידיעות" אין קומענדיקן חודש.

* * *

קומענדיקן חודש פאלט אויס די 50׳טע יארצייט פון אונזער גרויסן קלאַ־סיקער י. ל. פרץ. מיר גרייטן צו גרויסע פרץ־אָוונטן ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, אין אדלער־האל, אין בן אורי. דער קומענדיקער נומער „לשון און לעבן" וועט אויך א פארגרעסערטער נומער און זיין געווידמעט אונזער גרויסן קלאסיקער.

* * *

דער קומענדיקער „לשון און לעבן" וועט אויך זיין דער נומער 400 — איז עס אויך א שטיקל יום־טוב און א שטיקל אורזאך אז „לשון און לעבן" זאל זיין מיט א פאר זייטלעך מער.

* *

די 19׳טע אפריל־פייערונג פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, איינגעאָר־דנט פון פריינט פון יידיש לשון, יידישן רידינג־רום און די בונדישע־גרופע וועט הייאר זיין א נדחה, ווייל דער 19׳טער אפריל הייאר פאלט אויס און יום־טוב.

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

הענריקעס סטר. 33 (געוועזענע בערנער סטר.) בערנארד באראן סעטלמענט
3 אזייגער

שבת, דעם 20׳סטן מערץ — יעקב ריכטיגער, נעט רובין ח. נ. בענקוויטש.
לייענען הומארעסקעס פון קיטי בראון צו דער צענטער יארצייט פון דער שרייבערין.

שבת, דעם 27׳סטן וועט ס. סידא לייענען פון איר איצט דערשינענעם בוך.

שבת, דעם 3׳טן אפריל — לייענען פון י. ל. פּרצעס ווערק — 50׳טע יארצייט פון גרויסן קלאסיקער.

שבת, דעם 10׳טן — פסח פראגראם — י. ריכטיקער וועט ריידן, מנשה ווייס־גראז און נעט רובין וועלן לייענען און רעציטירן.
מ׳וועט אויך פארליינען פאעמעס פון י. ה. לעווי, צו דער 10׳טער יארצייט פונם י. ה. לעווי.

PAID 2½